STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03385

MAYN MAMES ONBLIK

Chaim Maltinski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים מאַלטינסקי

מיין מאַמעס אָנבליק

[illegible]

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל

תשל״ז תל־אביב 1977

1/VIII-77

[illegible]

CHAIM MALTINSKI

MEIN MAMES ONBLIK

J. L. Peretz Publishing House
31. Allenby St., Tel-Aviv, Israel

©

Printed in Israel 1977

נדפס בישראל תשל״ז

אַדרעס פונעם דיכטער: רח׳ העצמאות 38/8
הוד־השרון, מגדיאל, ישראל

דפוס „אור״ בע״מ, שד׳ הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481. ישראל

אינהאַלט:

פון מיינע רוסישע מאָטיוון

9 פון וואַנען
9 באַווייזן דיר
10 כ'האָב זיך דערגרונטעוועט
11 דו גלויבסט מיר ניט...
11 דעם גאַנצן וועג...
12 ביים פרעמדן טויער
13 דער וואָלף
14 עס קען דאָך אונדז...
15 איך טראָג אין מיין האַרצן...
15 אַ קונץ דען ליאַרעמען...
15 אַ וואַנט
16 ווען מאַסקווע זאָל אַפילו גלויבן
16 אַ בייזער פאָרגעפיל
17 די פינפטע ראָד צום וואָגן
18 דו וואַרפסט מיר צו אַביינדל
19 דער שטיין וואָס אין דיין בוזעם
20 ניט מיט אַ האַלבן מויל
21 דאָס שלעכטס פון דיין האַרץ
22 מיין זון כ'האָב קיין ישראל באַגלייט
23 צו מיינע קינדער
24 די עפּעלעך און דער בוים
25 אַ רוסיש ווערטל

ערשטע נאָכמלחמה־לידער

29 מיקאָלע דער שכן מיינער
30 די קאָלדרע
31 אויף דער באַגעגעניש
33 מיטן גלייכן וועג
34 כ'דערמאָן זיך
35 שטילע גרינע דלת אמות

אַזוי ווי דער שניי אויף די בערג קאַווקאַזער

43 זיי שפּאַרן זיך אַריין ביינאַכט
44 מיט געשרייען פּוסטע
45 די פענצטער פאַרחתמעט
46 מיינע טרערן בלוטיקע

47 כ׳בין טאָג און נאַכט איר נאָכגעגאַנגען
48 אין דמיון כ׳טראָג אויך היינט...
49 אַזוי ווי דער שניי אויף בערג קאַווקאַזער
49 כ׳רעד מיר אויס זיך דאָס האַרץ

געלעבט האָט אין וויטעבסק...

53 מיין היימשטאָט
54 וויטבע הייסט עס
55 ס׳גייט אַ פרישער זונען־רעגן
56 די שטאָט פון הויכן דווינע־ברעג
57 געלעבט האָט אין וויטעבסק...
59 באַדאַרפט האָב איך דורכגיין...
60 מיר דערמאָנען קוים די שטיינער
61 מיין בעסטער רבי
63 דער שאָטן פון פלאַם
64 אַ בילד נאָך אַ בילד
65 מיין טאַטע דער שירעם־מאַכער

קינדער מיינע

69 מאַמע, דו לאַכסט...
70 אַזוי פיל וואָר געווען איז אין מיין חלום
71 ווען ס׳שטויסט זיך אָנעט...
71 אַנדרימלט געוואָרן...
72 קינדער מיינע
73 אויף דער עלטער
74 איך לאָז מיין קליינעם זון ניט אָפּ...
75 אַ שנעק בין איך געווען
76 מיין באָבע קיילע
77 ס׳הינדעלע
78 פאַרגעדענק זשע, מיין זון...
79 איך עצה דיר מיין זון...
80 איך ווער גאָר ניט מיד
81 הימל־טויערן
82 איך ווער נשתומם
83 ערגעץ ציט מיך...

מיין חברותא

87 וואָס שטאַרקער די ביימער...
88 כ׳האָב ליב אין די אָוונטן...
89 גייסטו נאָר אין וואַלד אַריין
91 איך זע פון שאָטן

92 אַ שטאָט אין וואַלד
93 בשעת אַ בליק געטאָן...
94 צווישן וואַלד און ים
95 נאָכן שטורעם
96 אין יורמאַלאַ
97 לבנה־שקיעה
99 נעמט אונדז בינען־ריטער
100 די אַווגוסט־נאַכט
101 מיר דוכט
102 טשיקאַווע קוקן
103 אין בונטע חופּה־קליידער
104 אַנטשולדיק, ווייסער חברהניק
105 אין אומעטיקן אָסיען־פעלד
106 און ווען...
107 די כוואַליעס
108 אינעם האַרבסטיקן באָר
109 לויט די קאַלטענעס...
110 כ׳קוק
111 געמיינט...
112 מיין חברותא
113 די קוסטעס...
114 אַזויפיל פּישוף־שיינקייט...

ביים ווייסן ווינטער־פעלד

117 ראַטעווע
118 און קיינער...
119 מיין וועלטל
120 ווער ס׳ציט מיט גוואַלד...
121 אין צימער
122 מיין פריינד, ניט פלי...
123 ווען לויפנדיק פאַרקאָכט...
124 ווען אַ מענטש דערציילט
125 אַ רגע זיך אַריינטראַכטן
126 אַנטקעגן מיר...
127 אַ נאַכט אַזאַ...
128 אין אָדעס
129 דער מהלך־רב
130 ס׳רעדט זיך אַזוי, אַ וואָרצל...
131 עס הערט מיר ניט אויף...
132 ווען כ׳שטיי לעבן ים
133 לייג צו כוחות
134 אַ שאָד...
135 איך קום אין וואַלד

כ׳שטיי ביים ווינטער־פעלד 136
אַ בחורל, אַ קוטשעראַווער 137
אַ צוויי־דריי ווערטער יידישע... 138
כ׳האָב אָנגעזען זיך... 139
די סטעזשקעס פאַרשאָטן... 140
ביי מיין לשון... 141
טוביה׳ס געשטאַלט 142
ביי דיין ליכטיקן טיש 143

אַ דאַנק, קוקאַווקעלע

די פיינע ווינטער־הענטשיקלעך 145
ס׳צעשיטן זיך אין וואַלד... 146
עס קלאַפּט דאָס בלוט 147
געטשאַטעוועט כ׳האָב 148
אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן... 149
היינט, ווי פאַרשטייט מען עס... 150
ווייסט אפשר... 151
אַז צווישן מענטשן שעם איך זיך 152
ביים ים 153
מזל און חן 154
און דאָך... 155
דאַרפסט זיך ניט קווענקלען 156
לעם דער ראַבינע 157
אַ דאַנק, קוקאַווקעלע 158
כ׳האָב ניט געוואַגט 159
מיין אַראָפּ באַרג 160

אַצינד אַז כ׳קוק זיך איין

אין שעה׳ן פון געפאַר 163
כ׳פאַרהענג ביי דער נאַכט ניט... 163
ס׳איז אפשר נאַריש... 164
אין אַלצדינג... 165
אוי, היפער איבער... 166
איך ווייס ניט... 167
אַ שמייכל דיר געטאָן... 168
און מיר איז מיינס אין קאָפּ... 169
פאַר די פיר יאָר... 170
אַ ביסל זעלבסטקריטיק 171
מיין מאַמעס אָנבליק 172
אייער אָרנטלעכע שטילע שיין 173
ניט צו פאַרזינדיקן 174
פאַרביי בית עולם 175
ער ווינקט צו מיר... 176

פון מיינע רוסישע מאָטיוון

פון וואַנען

א

פון וואַנען, מיינסטו, נעמט זיך עס ביי מיר
דער טראָפּן חן? —
פון קליינוויז אויף האָט פּיין געשליפן מיך
פונקט ווי די כוואַליע שלייפט דעם שטיין.

די ביטערניש האָט מיך געפּרעסן און געגליט,
ביז אָנגעצונדן האָט זיך אין מיין ליד
דאָס פלעמעלע, וואָס מיר מיין האַרץ באַהעלט,
מאַכט וואַרעמער מיין וועלט.

ב

באַווייזן דיר, וואָס אין מיין האַרצן טוט זיך? —
אין חדרי־חדרים אַריינפירן
פון מיין נשמה?
כ׳דערוועג זיך ניט.
און טאָמער ביסטו מיר קיין שוץ ניט
און טאָמער וועט אין דיינע אויגן
אַלצדינג ביי מיר אויסזען,
ווי אַ פּרוטה
אַ צעבויגענע און לאָמע? —
כ׳וועל בעסער אויפן גליענדיקן טריוואַקס
שטעלן נאָך אַ זיגל
און —
פאַרוואַרפן דעם אַריינגאַנג
מיט אַ הויפן ציגל...

1969

כ׳האָב זיך דערגרונטעוועט...

ג

אין שמייכל דינינקן,
וואָס האָט זיך אין דיין ווינקל מויל,
קוים צו באַמערקן אָנגעצונדן,
כ׳האָב די נשמה דיינע באַלד דערזען,
ווי אָפּגעשונדן...
און ביז איר סאַמע דנאָ
כ׳האָב זיך דערגרונטעוועט:
איך בין אין דיינע אויגן מינדערווערטיק,
הפקר — ביליק.
דעריבער ווערט
ווי פונעם הימל ביז דער ערד
צווישן אונדז דער חילוק
און ס׳קאָכט אין מיר דאָס בלוט
און בונטעוועט...

ד

דו גלייבסט מיר ניט
פון דאַנען ביז אַהער,
און ווו איך זאָל ניט געבן זיך
אַ קער,
דיין בליק איז שווער און בייז
און קעציש-גרין.
דו גלייבסט מיר ניט פון דאַנען
ביז אַהין.
און ווען כ׳פאַריגל הינטער זיך
מיין טיר,
איך פיל: אַריינשטעלן „אַן אייגל״ וואָלסט
אין איר . . .

1968

ה

דעם גאַנצן וועג
מיט דיר איין עול געשלעפּט,
אין דעם אַ טרייסט געזוכט,
מיט דעם געלעבט.
איז נעמסטו גאָר און זאָגסט מיר
מיט אַ מאָל:
ס׳איז ניט דיין עסק,
ניט דיין עול,
ניט דו האָסט גאָר
אין דרייען זיך געבויגן
און טראַכט ניט אויסעט —
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

#ביים פרעמדן טויער

ז

ביים פרעמדן טויער
כ׳האָב תיכף אויפגעכאַפּט
דעם אומרויקן לויער
פון דער יונגער מוטער —
דאָס שליטעלע אַ קער געגעבן
אויף אַזאַ מין אופן,
איך זאָל אַ קוק ניט כאַפּן אויף איר עופל:
„אַן אַלטער ייד
דער בליק ביי אים, קאָן זיין,
איז ניט קיין גוטער...״
און איידער וואָס און ווען,
איך דריי אַליין זיך אוים אַזוי,
איך זאָל דאָס קינד ניט זען...
... אַ טיפער טרויער
באַפאַלן איז מיך מיט אַ מאָל
ביים פרעמדן טויער...

דער וואָלף...

ז

גיי וויס,
אַז ס'איז אַ וואָלף אַזוי פאַרשטעלט
און דורכגעטריבן־קלוג:
ער גיט אַ כאַפּ די שעפּס פון טשערעדע אין פעלד,
און שליידערט זי אַרויף אויף זיך לענג אויס
דעם רוקן
און יאָגט מיט אומרו, פּרייכט,
נאָר ביז דער וועלפן־נאָרע טיף אין וואַלד
איז וויט גענוג,
און ס'ווערט די לעבעדיקע שאָף
אים שווער מסוכן,
איז וואַרפט ער פּלוצעם זי אַראָפּ
און זיך ניט אומקוקנדיק גאָר,
זעצט פאָר,
אַ ביסל לאַנגזאַמער שוין זיין געלאָף,
דער וואָלף איז שטאַרק געניט —
ס'וועט אַפּאַטושעט נאָכלויפן די שאָף
נאָך זיינע טריט
אין טיפן וואַלד אַריין,
ווו רויק מאַכן וועט ער שוין פון איר
אַ סוף...

ח

עס קען דאָך אונדז
קיינער נישט נייטן
צו ליב האָבן
איינער דעם צווייטן,
און ס'העלפט נישט
די גוטינקע מינע,
ביי פאַלשער און לאַנגווייליקער שפּיל,
ווען ס'שלייכט אין דער מיט דורך די שנאה
און שלענגלט און גראָבט אין דער שטיל,
זיך גראָבט,
פּונקט, ווי וואַסער אין זאַמד,
אונדז ביידן דאָס לעבן פאַרסמט...
1972

ט

איך טראָג אין מיין האַרצן לעבער אויף לעבער.
אַ טראָפּן וואָלט לייכטער כאָטש ווערן.
נאָר כ'קען זיך קיין אָרט ניט געפינען.
ווי בין איך מקנא דעם רעשטל פון שניי
אויפן ראַנד פון דער סטרעכע —
עס וויינט קעגן זון מיט אַזעלכענע
לויטערע טרערן,
וואָס שיינענדיק רינען און רינען.

י

אַ קונץ דען ליאַרעמען און שרייען
פון דעם, וואָס פייניקט דיך און מאַטערט, —
אוי, שוועריר, ברודער, צו פאַרטייען,
ווען ס'צאַפּלט זיך דאָס האַרץ און פלאַטערט,
ווערט אַזש פון בענקעניש צעריסן
און קיינער טאָר פון דעם ניט וויסן...

אַ וואַנט

יא

עס טיילט אונדז פאַנאַנדער
בסך־הכל אַ וואַנט.
מיר זיינען פון איידלקייט וועגן
באַקאַנט.
און וואַרפן זיך איבער
מיט ווערטער אַ פּאָר,
פאַרזיסט מיט אַ שמייכל —
„גוטמאָרגן — גוט יאָר"...
מיר וווינען בשכנות —
אַ טיר ביי אַ טיר,
נאָר ווי איינער פון אַנדערן ווייט זיינען מיר!
גלייך דער ים, וואָס אַנטקעגן
די פענצטער זיך שפּרייט
וואָלט געווען צווישן אונדז
אין דער לענג, אין דער ברייט...

יב

„מאָסקווע גלויבט
קיין טרערן ניט"
(אַ רוסיש ווערטל)

ווען מאָסקווע זאָל אפילו גלויבן
אין מיין טרער,
און ווי מיר איז ניט אויפן הארצן
ביטער שווער,
ס'דאַכט: עס פרעסן מיין נשמה
פודן אייזן,
וואָלט איך אַלץ איינס מיין גליענדיקע טרער
כאַטש האַק אין קאָפּ —
פאַר מאָסקווע ניט באַווייזן...

יג

אַ בייזער פאָרגעפיל...
איך דארף דען פון דיין פריפעטשיק נעמען
אַ קויל פייער,
אַז עס פלאַמט אין מיר מיין הארץ,
ווי אַ דאָמנע —
ביטאָג און ביינאַכט...
אַ בייזער פאָרגעפיל:
עס שטייט מיר נאָך פאָר
די ערד צו קייען,
ווי אונטער וואַרשע
אין ביטערן שלאַכט...

די פינפטע ראָד צום וואָגן

יד

דו מאַך אַ פודעלע פון מיר
און שפּאָט און חוזק אויס,
נאָר כ'לייג מיין קאָפּ דיר
און קאַוויר
אויף הונדערט יאָר פאָרויס:
אויב ס'וועט די מאַמע ערד,
ווי היינט
אונדז אַלעמען נאָך טראָגן,
פאַרבלייב איך דאָ אַלין איינס,
מיין פריינד,
די פינפטע ראָד צום וואָגן...

1970

יח

דו וואַרפסט מיר צו ווי אַביינדל
אַן אומגעריכט חנדל
און טוסט מיט גלאַנציק-בוימלדיקע אייגלעך
מיר אַ ווונק,
און יאַקאַבי, ווויליונגעריש, אין אַקסל מיר
דערלאַנגסט אַ קלונג:
— ניט מיין, דו
אַז איך האָב צו דיר, חלילה, וואָס,
איך אַכטע דיך און שאַץ,
ס'איז דורכגעלאָפן צווישן אונדז,
דער טייוול ווייס, אַ שוואַרצע קאַץ, —
און פליוכעסט מיר פון פלעשל בראַנפן
אין דער גלאָז,
און טוסט אַ זאָג מיר קאָמעדיאַנטיש:
— פאַר פריינדשאַפט שטענדיקער! —

קיין סימן ניט פון שינאה דיינער בלענדיקער
בלויז גוטסקייט כלומרשטע... איז קלאָר
אַז ניט פון ליבשאַפט גאָר
צו הנדלען זיך מיט מיר ביסט היינט געצוווּנגען,
עס האָט פחדנות דיין נשמה דורכגעדרונגען,
נאָר ווי באַלד דו וועסט אויפסניי
די מאַכט אין זיך דערפילן —
מיט מער נאָך גיפט
וועסטו אין מיר זיך צילן...

יז

דער שטיין,
וואָס אין דיין בוזעם וואַרעמסטו
„נאַ טשאָרני דזיען״,
ער קען פֿריינדרינגען דורך דיינע ריפּן,
סוף־כל־סוף
אין בלוט און פלייש — אַ בייזע שטראָף —
און מיט דיין האַרץ צענויפוואַקסן
זיך קאָן דער שטיין.
און מיט אַ האַרץ אַ שטיינערנעם,
נו, זאָג, אליין,
ביסטו שוין גאָר קיין מענטש ניט
אויף געווים.
און שרייסט און פילדערסט:
„כ׳בין אַ הומאַניסט...״

יז

ניט מיט אַ האַלבן מויל,
איך בין אַ האָר ניט פויל
דאָס זאָגן מיטן גאַנצן:
מיט פאַלשער פרייד
אויף מיר היינט אָנטאָן ביסטו גרייט
אפילו לאָרבער־קראַנצן.
נאָר קריגסטו מאָרגן בלויז איין ווונק,
איין פּיפּס,
איך זע דאָס נאָך דיין פּרצוף
דעם פאַרקויפטן,
וואָלסטו אויף מיין האַלדז
אַרויפוואַרפן אַ שניפּס —
אַ פלייסיק־אָנגעזייפטן...

יח

כ׳וועל דאָס שלעכטס פון דיין האַרץ
נישט פאַרווייכערן.
נישט מיט גאָלד,
נישט מיט זילבער און בראָנדזע.
אָ, איך ווייס,
אַז דו קענסט מיך נישט אָנזען
אַז דו וואָלסט פון דיין הויז
מיך אויסרייכערן,
אָבער קווענקלסט זיך לאַנג...
כ׳וואָלט מיט כבוד און דאַנק
זיין אַ בעלן
אויפן שטעל אַלע טירן צעפּראַלן,
כדי,
ווי איך שטיי און איך גיי,
צו אַוועק
פון דיין שטוב, זיך נישט זעגענען,
אויף מיין וועג
דיך שוין מער נישט באַגעגענען...

1971

יט

מיין זון כ'האָב קיין ישראל באַגלייט
און כ'גיי אַרום צעחושט, צעדרייט.
עס בריט און ברענט מיך איין פאַרלאַנג —
צעשיידט מיט אים ניט זיין אויף לאַנג.
ס'שוועבט דורך פאַר מיר זיין שטילער חן...
מיין בריוו זאָל כאָטש צו אים דערגיין.
ביז ענטפערן מיין טרייסט מיר וועט,
אַזוי פיל אויף דער ערד געשעט...
דאַן עטוואָס לינדער, פרייער ווערט,
ווען איך פאַרקלעפּ שוין דעם קאָנווערט,
גלייך נעבן מיר מיין זון וואָלט זיין,
מיין אויג פון קאָפּ, מיין צוקונפט-שיין.
כ'האָב קיין ישראל מיין זון באַגלייט
און כ'גיי אַרום צעחושט, צעדרייט.
עס בריט און ברענט מיך איין פאַרלאַנג —
צעשיידט מיט אים ניט זיין אויף לאַנג.

אָקטאָבער 1973, מינסק.

מײַן טאָכטער אסתּר

צו מײַנע קינדער
שוין אַצינד
ניט צו דערלאַנגען מיט דער האַנט,
אַהינטער כוואַליעס ברויזנדיקע זײַנען זיי,
אין פײַער־בראַנד...
כ׳שטיי בײַ מײַן פענצטער
און ווי דאָס אָסיען־ביימל אויף דער גאַס
מיט אַלע מײַנע אבֿרים כ׳ציטער.
דעם בריוונטרעגער איך דערזע —
אַ זעץ אין האַרצן גיט:
„אַ בריוו... מסתּמא ניט״...
ניט צו דערוואַרטן
פֿון מײַנע קינדער אָן אות אַ זיסן,
אַ וואָרט אַ צאַרטן.
איך זאָל כאָטש וויסן,
צי זיי לעבן.
מחשבֿות־קנוילן לויפֿן אָן ווי כוואַליעס,
שוועבן, שוועבן...

אָקטאָבער 1973, מינסק.

די עפּעלעך און דער בוים...

כא

האָסט מיר ניט וואָס
צו שטעקן אונטער נאָז
מיט גיפט און שוים
דאָס אַלטע שפּריכוואָרט, ווי אַ כלל:
„עס פאַלט דאָס עפּעלע ניט ווייט פון בוים"...
אין צייטן היינטיקע
אַזעלכע ווינטן בלאָזן,
וואָס טראָגן מאָמענטאַל אַוועק די עפּעלעך
אין אויסרייסעניש, אין כּף־הקל
און זיי אַ בריה, זוך זיי אויף
און טאַפּ זיי אָן
צווישן ווייטע הויכע גראָזן.
אומזיסט איז די קאַפּוליער אַנצוהערעניש
און דיין ירגזון...
— — — —
און כ'וועל דיר זאָגן מער —
עס איז מיר אָן די קינדער שווער,
נאָר ווו זיי זאָלן דאָרט ניט זיין,
מיינע עפּעלעך —
אַ געזונט זיי אין די קעפּעלעך...

כב

אַ פּקחותדיק, אַ גאָלדן רוסיש ווערטל
באַמבלט זיך און גייט מיר לעצטנס
ניט אַרויס פון זינען:
„מאָטיי אודאַטשקי"...

אַ שלל ניואַנסן, פּיסטשעווקעס און נפקא מנהם
פון מאַמע־לשון אויפגעהויבן, אויפגערודערט
און אַזאַ מין פינקטלעכן
און פּאַסיקן אויסדרוק ניט געקענט געפינען.
וואָס זאָל מיר אַזוי טרעפלעך, שאַרף אַצינד
אַ קלונג געבן אין אויער
ווי „מאָטיי אודאַטשקי"...

נו וואָס? — וואַרט ביי וואָרט עס איבערזעצן?
(צי ווי די עם הארצים זאָגן — איבערפירן) —
דריי צענויף
צי וויקל אויף די ווענטקעס —
לוינט אויף דעם קיין רגע ניט פאַרלירן.
בלייבט איבער — זוכן וואַריאַנטן, עקוויוואַלענטן,
למשל: אַוועקרוקן זיך,
אַוועקמאַכן זיך,
אָפּטראָגן זיך.

אָדער — נעמען ס'פּעקל אויפֿן פּלעקל,
צי לויטן אַלטן שטייגער גאָר —
די האַנט אַ שטרעק טאָן
און — אַ קוש טאָן די מזוזה...
ניין, דאָס אַלצדינג האָט ניט
יענעם שטאַרקן פּעפּערדיקן טעם.
דעריבער מוז איך
אַ זאָג טאָן עס מיט האַרץ און פֿלאַם
אויף רוסיש —
„מאָטיי אודאָטשקי"...

1974, גאַליצינאַ — מאָסקווע.

ערשטע נאָכמלחמה־לידער

מיקאָלע, דער שכן מיינער

דער גאָלדענער שכן מיינער מיקאָלע
וואָלט כאָטש מיין קינד פאַרהיט.
מיין זונעלע וואָלט מיר איצט העלפן
די רימענדלעך פון מיין לעדערנער פוס צו פאַרציען.
ער וואָלט געשריען צו מיר:
— טאַטע. איך גיי, איך גיי מיט דיר מיט, —
און ס׳וואָלטן די אייגלעך זיינע
מיט שמחה פול גליען.
אויף דער גאַס וואָלט איך מיר אַ קאַפּעלע
אָנשפּאַרן אויף מיין זונעלעס האַנט,
ווי ער וואָלט עס מיט זיין פאָטער שטאָלצירן:
„אַהאַ, מיין טאַטע האָט באַשיצט דאָס לאַנד
און זאָלן סאַשקע און פעדקע קלאַפּירן"...
האָט דאָך אָבער מיין שכן מיקאָלע
קיין צייט ניט געהאַט... —
ער האָט דאָך געדאַרפט מיט די דייטשן
טרינקען און זויפן.
הינקע איך אום איצט אַליין, נע-ונד
איבער חרובע הויפן.
באַגעגנט אַ יינגעלע מיך,
זיין בליק מיך מיט אָפּשיי באַגלייט,
ווי איך פויזע און קריך
אויף קאַראַטשקעס.
און אַ צווייט קינד ציילט אויף מיין ברוסט
די באַגילדעטע צאַצקעס...

1946

די קאַלדערע

— אַ קאַלדרע אַזאַ האָט מען אַוועק געצויגן, —
יאָמערט די גויע מיט ביטערע טרערן, —
וווּ זיינען געוועזן אייערע אויגן,
דערשטיקט זאָלט איר ווערן, —
שעלט זי אירע זין
און שלאָגט אירע טעכטער...
און איך בין צופרידן
און איך ווער שיעור צעזעצט
פון געלעכטער:
אין דער שוואַרצער מהומה
האָט זי ביי יידן
אַ קאַלדערע פאַרשלעפּט
מיט נאָך אַנדערע גוטס
און דעם הויף היינט באַפּוצט,
דאָס לופטערן אַלץ אויסגעהאַנגען.
איז אַ גנב פאַרביי דורכגעגאַנגען —
(זאָלן אים דינען די הענט)...
רייסט זי זיך איצט אויף די ווענט
און שעלט אירע זין
און שלאָגט אירע טעכטער
און איך ווער שיעור צעזעצט פון געלעכטער.

1946

אויף דער באַגעגעניש...

„טריילי־טריילי,
מיין פידעלע..."
לייב קוויטקאָ

אין שפּילצייג-געשעפט
האָב איך איינגעקויפט ליאַלקעלעך — יינגעלעך,
מיידעלעך.
זיי פאַנאַנדערגעזעצט, אַנו, טרעפט ? —
אויף קוביקלעך, קלעצעלעך, דריידעלעך,
מיטן פאָרהענגל דאָס פענצטער פאַרהאָנגען,
די טיר פון מיין צימער פאַרשפּאַרט,
ווען די שכנים זיינען זיך פאַנאַנדערגאַנגען,
כ'האָב אויף קיינעם שוין מער ניט געוואַרט
און אָן קווענקלעניש און אָן פרעגעניש —
אָנגעהויבן די באַגעגעניש...
האָבן ליאַלקעלעך — מיידעלעך, יינגעלעך
מיט די הענטלעך געפּאַטשט,
ווי מיט קלינגערלעך,
האָב איך זיי געלייענט „לעמל נאַשער"
יינגל-צינגל כוואַט", בלימעלעך-קרענצעלעך"
די „וועוריקלעך צוויי"
און אַלץ, אַלץ, וואָס איך האָב אין מיין זכרון געהאַט
כ'האָב אויך דערמאָנט זיך —
„די לערערקע חיה"
וואָס די קינדער האָבן זי זייער האָלט.
האָט זיך איינס אַ ליאַלקעלע אַדכייעט:
— עס קאַפּעט גאָלד...
און ביי מיר האָבן פּלוצעם טרערן גענומען גיין,

בריען מיר די באַקן, מאַכן מיר געזאַלצן אין מויל...
איך פּרווו מיך צעשמייכלען,
מע זאָל ניט זען מיין געוויין,
נאָר ס׳קוקן די ליאַלקעלעך מיט פּחד
און גרויל:
— אוי, פּעטערקע, וויינט ניט
עס טוט אייך וואָס ווי? —
— דאָס וויין איך ניט, ליאַלקעלעך,
דאָס לאַך איך אַזוי...
און זינג זיי נאָך אַ לידעלע —
„טריילי, טריילי, מיין פידעלע"...

1946

מיטן גלײַכן וועג

וואָס קריכסטו דורך זומפּיקע סטעזשקעס
און דערנער? —
גיי גלייך מיטן וועג, נעם דעם אָקס
פאַר די הערנער!
זיי וויסן, אַז שטענדיק דער אמת
ער שטעכט זיך
און טאָמער דעם קאָפּ און געניק
דו צעברעכסט זיך,
און טאָמער דער אָקס אין אַ ריפּ
ט'דיר דערלאַנגען,
ביסטו אָבער ריכטיק צום אמת
געגאַנגען,
ניט גערוקט זיך אַהינטער,
ניט געקוקט אויף די זייטן,
אָן קונצן, אָן גענגלעך,
אָן חניפה צו לייטן.
איז קריך ניט דורך זומפּיקע סטעזשקעס
און דערנער.
גיי גלייך מיטן וועג,
נעם דעם אָקס פאַר די הערנער!

1946

☆

כ׳ דערמאָן זיך, ס׳ווערט מיר אויפן האַרצן העל,
דעם אָוונט, ווען אַריבער ביסט מיין שוועל.
נאָך יאָרן קריג, נאָך יאָרן גרויל און טויט,
געקושט דיין אַקסל. און דיין זומער־קלייד,
געבעטן שטאַרק — דו זיי מיין טרייסט און פרייד.
אין קלאַפּן פון מיין האַרץ האָסטו דערפילט,
אַז אמת כ׳זאָג, דו קוקסט געטריי און מילד.
און שענקסט מיר דיינע ליפּן און דיין האַלדז
און שעפּטשעסט מיר: איך גלויב, איך גלויב דיר אַלץ...
כ׳דערמאָן מיר, ווערט מיר אויפן האַרצן העל:
דעם אָוונט, ווען אַריבער ביסט מיין שוועל.

שטילע, גרינע דלת אמות

פאַר משה חלוץ.

I

ס'איז ניט מיין הויז
און ניט מיין גערטנדל דאָס גרינע.
אַ קליינע נפקא מינה.
נאָר ס'גייט מיר ניט אַרויס פון זינען,
אַז ספּ'עלן האַרציקע
און פראָסטע ווערטער מיר,
פיל ווערטפולער פון ציטערשפּילקעס
פּערל־שטיינער, דימענטן,
אויף אויסצודריקן ווי גרויס מיין שמחה איז
וואָס איך בין ווידער אין אַ שטעטל,
אין שטילע גרינע דלד אמות.
דער באַלעבאָסטעס קול — דערמאָנט מיין מאַמעס.
די געשיכטעס אירע קאָן איך הערן
אַ גאַנצן זומערטאָג,
ביז איבער יעלסק העלט אויף
דער ערשטער זילבער־שטערן...

II

„צו דערציילן — טויזנט און איין נאַכט"
זאָגט מיין באַלעבאָסטע חנה —
ס'האָבן אונדז געבראַכט
אין די מלחמה־טעג די באַנען
הינטער וואָלגע — ווי מע רופט עס אַנעט —
אין „וועקאַציע"...

כ׳האָב זיך ניט געשאַנעוועט,
מע זאָל מיך שאַצן,
ביז אין די הויכע חדשים
קרויט געשאַטקעוועט
אין „ראַבאָטשי באַטאַליאָן"
פאַר די סאָלדאַטן.
אין ערשטן כ׳האָב מלחמה־יאָר
מיין זון מיין יינגערן געהאַט,
עס איז מיר אָפּגעגאַנגען גלאַט,
אַ נאָמען געבן אים געוואָלט
נאָך מיין פעטער שלום,
טענה׳ט מיר מיין מאַן:
לעבסט חנה ווי אין חלום.
ניט די צייט אַזאַ מין נאָמען געבן,
זאָל ער בעסער הייסן חיים — צום לעבן!
און מיט צוויי צי דריי חדשים שפּעטער,
איז אויפן פראָנט מיין מאַן אַוועק —
פאַרברענט געוואָרן מאיר גאָלוב.
דער שוסטער קאַפּאַטקעוויטשער
אויך אַלע מיינע ברידער —
ברוך־אשר, הירשקע און בנימין,
זיך ניט צוריקגעקערט פון דער מלחמה..."

III

נחת כ׳קלייב פון חנה׳ם ברייטע בייטן
די פאַרזייטע מיט טרוסקאַווקעס,
ענלעך אויף ראָמאַשקעלעך די קווייטן
מיט די געלע קעפּעלעך אין מיטן.

דווקא,
די טרוסקאַווקע־בלעטלעך
מיט אַ פולע דריבנע ציינדלעך אויסגעשניטן,
מיר דערמאָנט אַן קראַפּעווע.
אין יעלסק אַ רויקער דער קאָפּ איז מיר
און כ׳קאָן זיך אָפּגעבן אַריינצוטראַכטן
אין יעדן בלעטל־אָדערל און שפּרענקל,
דאָ זיצנדיק אין סעדל אויפן האַרטן בענקל.

IV

גיט אַ זאָג זיך איין מאָל חנה :
— איך קוואַפּע זיך ניט זיין מקנא
ניט קיינעמס מזל טריפּענעם
מיט גרינגע פייגעלעך.
און וועגן דעם ווי איך האָב זיך געמאַטערט,
ווייסט קיין פויגל ניט.
מיין פּימען אין וועקאַציע
געבאָדן כ׳האָב אין טרערן.
אין איין פּאַטשיילקע־אָנעטשע געוויקלט
פון דער טרוקענער זייט,
דאָס שטיקל ברויט אין זאַלץ געטונקען,
עס זאָל זיך וועלן וואַסער טרינקען,
געמיינט,
אַז מילך אין ברוסט מיר צוקומען וועט מערער.
נאָך דער מלחמה כ׳האָב
מיט מיינע צען פאַרהאָרעוועטע פינגער
אויפסניי געשטשאָבעט און גענייט.
געוואָרן אויסגעריסן,

די קינדער זאָלן זיך ניט נייטיקן
און ווערן לייט
און פון קיין שטיפטאַטן ניט וויסן, —
אַזוי אַ ברייעט,
רעדט איר האַרץ אויס חנה, —
כ׳בין גאָט־צו־דאַנקען,
קיינעם ניט מקנא.

V

חנהעס שוואָגער, ברוך טשאַרנע,
וואָס פאַרנעמט זיך אויף דער עלטער
אין אַ נאָוועגע מיט קירזשנערייִ,
ליב האָט זיך אַ חכמה טאָן
און פילן מיט אַ ווערטל פרייִ:
— כ׳האָב געהערט, איר זייט אַ שרייבער,
דאַרפט איר זיין געניט אין אָט די זאַכן —
פרוווט, קלייבט צו אַן אויסדרוק,
וואָס באַשטיין איינצייטיק זאָל ער
פון דריי שפּראַכן. — —
כ׳וואָלט געווים זיך ניט דערטראַכט,
ברוך טשאַרנע לאַכט,
און מאַכט מיר קלאָר עס :
צען טיסיאַטשי כפרות...

VI

ווען די יעלסקער יידן זאָלן וויסן
[illegible]

אַז איך זיץ ביי זיי אויף דער קאַלינין-גאַס
ביי דער קאַלדרע-שטעפּערין,
ביי חנה'ן
אין אַ צימערל, ווי אַ נסתּר
אַ געקומענער ווער ווייסט פֿון וואַנען
וואָס גאַנצע טעג ער קלעפּט און קאָוועט
און פֿורעמט זיי אַריין אין זיינע שורות
מיט ליבשאַפֿט אָן אַ שיעור
און כּבוד,
וואָלטן זיי צוזאַמען מיט מיר
געזונגען דאָס יעלסקער לידעלע:
„איך בין אָן דזשיר
ווי אַ קליאַמקע אָן אַ טיר" —

אַזוי ווי דער שניי
אויף די בערג קאַווקאַזער...

זיי שפּאַרן זיך אַריין בייַנאַכט...

און ביסקל סאַמע סוף אַזוי,
ביז וואַן די פּיס נאָך גייען,
מיט טיאָכקעניש דערוואַרטן מיר,
עס זאָל אונדז וואָס דערפרייען.

די קלעמענישן, פּלאָגענישן
קומען מעשה־שטן,
זיי האָבן שוין פון לאַנג צו מיר
די סטעזשקעס אויסגעטראָטן.

זיי ווייסן ניט פון איידלקייט,
פון קיין שום עטיקעטן,
זיי שפּאַרן זיך אַריין ביינאַכט
גזלניש, אומגעבעטן...

און אָפן איז פאַר פרייד מיין טיר,
נאָר קוים וואָס איך דערוואַרט זיך,
פון בענקעניש און נאָגעניש
צערייסט אין מיר דאָס האַרץ זיך.

און ביסקל סאַמע סוף אַזוי,
ביז וואַן די פּיס נאָך דינען,
אויף גוטע בשורות וואַרטן מיר,
אין זיי אַ טרייסט געפינען.

☆

מיט געשרייען פּוסטע
איבער קאָפּ ניט האַמער.
כ׳בין אַ יאָר געזעסן
אין אַן איינצל-קאַמער.
כ׳בעט זיך בײַ דיר רחמים,
ס׳נעמט ניט אויף מײַן אויער,
בלויז מיט טויטער שטילקייט
עקבער מיך און בויער...

☆

האָסט אָפּגעדעקט דײַן קאָרט
מיט שאָדן-פרייד
(איך בין צו דעם
שוין לאַנג געווען גרייט),
די זעלבע גרויליק-שווידערלעכע קאָרט
פון שוואַרצער גזלאָוואָיע
און פון מאָרד...

☆

די פענצטער פאַרחתמעט מיט חושך די נאַכט.
און איך, מיסתם, מיט געפיל פון פאַרדאַכט
די טיר פון מיין דירה פאַרשלים און פאַרקייטל.
אויף הפקר כ׳לאָז איבער אין דרויסן מיין בייטל
מיט ציבלקעס און פאָמידאָרן...

— — — —

ווי פשוטע גייקעס פאַרשרויפן זיך יאָרן...
מיין מאַמע אַזוי,
מיט צעמוטשעטע הענט
פאַרלייגן די טיר פלעגט אויף נאַכט
מיט אַ פרענט...

מיינע טרערן בלוטיקע...

דאָס טייוולדיק וואַכזאַמע אויג
באַטראַכט מיך זשעדנע טויזנט מאָל אַ טאָג
אין לעכל פון דער טיר דער אייזערנער,
אין קוקער
(אויף רוסיש הייסט דאָס שפּעלטעלע — „וואָלטשאָק”).
ווען אינדערפרי איך טונק די פּייקע ברויט
אין ביסל מעל-צוקער,
עס זעט, ווי כ׳צופּ אויף מיין געזיכט
די הויט.
אים טוט הנאה,
ווי כ׳ווערג זיך מיט מאַהאָר —
אַ ביטערע, ווי סם המות, קאַשע,
און ווי איך מאַטער זיך און שאַר
אויף דער פּאַראַשע —
ניט שטיין, ניט זעצן זיך איך קאָן ניט
(כ׳בין אָן אַ פּוס),
דאָס וואַכזאַם אויג מיט חוזק קוקט:
„אַ הארטע נוס”,
„אַ וואָלף אין שטייג”...
נאָר ווען צום האַלדז
מיר קומען צו די טרערן,
דערשטיקט צו ווערן,
דאַן צו דער טיר דער אייזערנער
כ׳דריי אוים זיך מיטן רוקן,
דער מערדער זאָל
קיין מעגלעכקייט ניט האָבן קוקן
אויף מיינע טרערן בלוטיקע...

כ׳בין טאָג און נאַכט איר נאָכגעגאַנגען

כ׳בין שוין באַפרייט פון אַרום עמעצן זיך טומלען
און כ׳האָב אויך פיינט, מע זאָל זיך טומלען אַרום מיר ;
אַנומלט, גאָר אַנומלט,
געווען אין שלאַכט כ׳בין אַ פּעכאָטנער קאָמאַנדיר,
דערנאָך,
שוין אָן אַ פוס,
ביים גרויסן ברודער — רוס,
אין סטאַלינישן טויט־לאַגער
געשלעפּט דעם קאָמוניזם־יאָך
און ס׳גאַנצע לעבן מיינס בסוד
געטריי געדינט מיין מאַמע־לשון ליד,
אין פּיין און בראָך
כ׳בין טאָג, ווי נאַכט איר נאָכגעגאַנגען,
איר אויסצוקושן יעדן גליד.

✡

אין דמיון כ׳טראַג אויך היינט,
פון דריטן שוין טערמין,
די אַרעסטאַנטישע צעפליקטע טעלאַגרייקע.
אין פערציק גראַדוסדיקע פרעסט
האָסט בעסטיאַליש דין
גערודפט מיך, געוועזן זיך אין מיר נוקם...
אויך היינט דיך פרעגן פאַלט מיר גאָרניט איין
פאַר וואָס געקומען מיר עס איז אַזאַ מין רשעות?
כאָטש מיר באַגעגענען זיך, כלומרשט, ביי איין טישל
און הייבן איינס צום אַנדערן די גלעזער וויין,
אין דמיון כ׳האָב מיט דיר שוין לאַנג קיין מגע ומשא,
פון טאָג צו טאָג אַלץ מער
מיר ווערן אָפּגעפרעמדט,
מיר טרעפן זיך און ווערטלען זיך און שפּאַסן,
נאָר טיף אין האַרץ
די פיינטשאַפט איז פאַרקלעמט...

אַזוי ווי דער שניי אויף בערג קאַווקאַזער...

ווי זע איך אויס,
מיר פלעגט זיך וועלן וויסן
פון צייט צו צייט,
אין קאַזעמאַט.
אַ מעגלעכקייט האָב איך אַזאַ געהאַט:
געווען אין אַ פלאַסטמאַסע־שיסל
איז שטענדיק ביטערלעכער טיי
(אָנשטאָט געקאָכטער וואַסער),
דאָרט וויגן זיך מיין פּנים פלעגט
מיין טויטלעך־בלאַסער.
מיין סיווע באָרד האָט ווי דער שניי געשיינט
אויף בערג קאַווקאַזער...

☆

כ'רעד מיר אויס זיך דאָס האַרץ
פאַר די פייגל אין וואַלד,
ווערט אין ברוסט עטוואָס פרייער, גערעאַמער.
„זאָל קיין פויגל ניט וויסן" — ווי טיף דאָס איז פאַלש.
אַלץ דערציייל זיי, אַזוי ווי אַ מאַמען,
הער זיך צו, וואָס דיר ענטפערט דער ברויזיקער כאָר,
פול דער וואַלד איז מיט צאַרטע לשונות,
לויטער־ריין, יעדער קלאַנג, ווי אַ קוואַלעכל — קלאָר
און ס'קאָן יעדער נשמה פאַרשטיין עס.
פאַר די פייגל דעריבער מיין האַרץ איך אַנטפלעק.
מיט מיין וויי כ'דאַרף פאַר זיי זיך ניט שעמען.
ס'קומט דער פרילינג — דאָס האַרץ נעמט מיר קלעמען,
כ'גיי אין וואַלד צו די פייגל אַוועק.

געלעבט האָט אין וויטעבסק...

מיין היימשטאָט

מיין היימשטאָט וויטעבסק
אויף גלייכע העלפטן צוויי
צעשניידט די דווינע
און ווו דו זאָלסט אין שטאָט
זיך ניט געפינען,
איז הערסטו גלייך:
„אויף דער זייט טייך",
אָדער —
„אויף יענער זייט טייך".
דאָס זעלבע איז אויך
מיט מיין לעבן,
צוויי העלפטן שוועבן:
ביז דער מלחמה
און —
נאָך דער מלחמה.
נאָר ווען מיין מזל צוגעשפילט האָט
מיט נחמה,
איך פלאָנטער שוין
און קען ניט זאָגן.
ווייל ביידע העלפטן זיינען פול געווען
מיט פיין און פלאָגן...

וויטבע הייסט עס...

חיה׳ן מעטריק

כ׳צווייפל, צי עס לעבט נאָך די אַלייע
הויכע מיטליאָריקע קאַשטאַנעס,
נאָר דאָס טייכל זיכער נאָך פאַראַן איז
וויטבע הייסט עס. ס׳ציט אַהין מיך זייער,
זיין דאָרט אין אַ האַרבסט אַ לויטער־העלן,
אָטעמען מיט יענער אָוונט־קילקייט,
צו דערשפּירן נאָענט דיין מיידל־מילדקייט,
ווען איך האָב זיך ניט געקאָנט אָנטשיידן
די דריי ציטעריקע ווערטער זאָגן...
כ׳הער נאָך איצטער בולט, ווי געשלאָגן
ס׳האָבן דאַן די הערצער בא אונדז ביידן...

אָט דערפאַר מיך ציט אַהינצו זייער;
כ׳צווייפל, צי עס לעבט נאָך די אַלייע
הויכע מיטליאָריקע קאַשטאַנעס,
נאָר דאָס טייכל זיכער נאָך פאַראַן איז,
וויטבע הייסט עס, אונטער הימלען פרייע,
דאָרט דערמאָנען כ׳וועל דיין נאָמען — חיה.

☆

„הער זיך אײַנעט"
1927

ס'גייט אַ פרישער זונען־רעגן
און דער זונען־טויער טייעט...
אין מיין היימשטאָט איך באַגעגן
מיין געליבטע מעטריק חיה...
בלייב איך שטיין אַ צוגעשמידטער
און מיין אַקסל טוט אַ ציטער.
פייכט איר קאָפּטעלע, מיר דאַכט זיך,
קוקט זי אָן מיך און צעלאַכט זיך,
— כ'האָב געזאָגט: „גיי לייג זיך שלאָפן"...
ביסטו גאָר פון מיר אַנטלאָפן —
אַ יאָר דרייסיק, ווי ביסט נעלם, —
אירע גרויע אויגן העלע
קוקן אַזוי הארציק פשוט,
אָפּגענומען ווערט מיין לשון,
זי פאַרשאַרט די האָר די נאַסע,
רעגן־טראָפּנס אויף איר שטערן.
ס'בלענדן אירע ווייסע אָרעמס...
שריי איך אויס: כ'בין ניט אין כעס גאָר,
כ'בין געווען דאַן גרויליק אָרעם,
ניט געוואַגט דיין גליק צעשטערן,
און פאַרכליניע זיך מיט טרערן...
— — — —
איך כאַפּ זיך אויף אַ גליקלעך־מידער —
חיה, חלום זיך מיר ווידער...!

✡

די שטאָט פון הויכן דווינע־ברעג באַקוק איך.
דער היגער ביבליאָטעקאַר מאיר ברוקאַש,
זאָגט צו מיר מיט שטים מיט טריבער:
— אָט דאָרט, אויף יענער זייט, פונקט קעגנאיבער,
געווען איז די יידן־פיין, די געטאָ. —
אַ שטאָך גיט מיר אין האַרץ. כ׳באַטראַכט דעם שטח,
וואָס איז מיט נייע הייזער אַ פאַרבויטער.
און כאָטש דער זומערטאָגביים טייך איז לויטער,
און לייכט און פריש ביים גרינעם ברעג זיך אָטעמט,
לויפט תיכף אָן מיין שינאה, ווי אַ שאָטן.
ס׳ווערט אַלץ אַרום צעקנייטשט און אָנגעכמורעט.
איך שטיי אַנטשטומט, ס׳אַנטרינט פון דער נאַטור גלייך
די פריילעכע און לעבעדיקע מינע.
— — —
אָ, טויזנטיאָריק, אייביק ביסט מיין שינאה.

געלעבט האָט אין וויטעבסק...

כ׳דערמאָן זיך
אין מיטן דערינען
(ס׳ווערט גאָרנישט אַנטרונען פון זינען)
דעם וויטעבסקער יידן
מיט היטל צעקנייטשטן,
אין אַלטן צעקנעפּלטן רעקל;
געהאָנגען אויף אים
ווי אַ שמאַטע און זעקל,
זיין טועכץ געווען איז —
דעם מאָסקווער „אמת״ פאַרשפּרייטן.
איך פלעג ווען ניט ווען אים
אין אָוונט באַגלייטן,
אויף יענער זייט בריק,
אַזש אהין, ביז לוטשאָסע;
ביינאַכט די לבנה
איר שיין האָט געגאָסן,
געזילבערט דאָס וואַסער;
ביים טייך אויף דער באַנק
האָט דער ייד מיר
אַ קרענקלעכער, בלאַסער
געלייענט פון לייסטערלעך שמאָלע,
אַזוי ווי אין חלום,
אַ ליד נאָך אַ ליד,
אין רייזינשן שניט...
געטראַכט כ׳האָב פאַרדעכטיקט,
ווו טאָגט ער?
ווו נעכטיקט?

צי האָט ער אַ דאַך ווו?
אַ פענצטער און לאָדן?
געווען אַ פאַרדראָס און אַ שאָד מיר
צו זען, ווי ער דרייט אַרום באַנק זיך
מבולבל, פאַרגעסן.
מיט אים ביז שטאָק אין דער נאַכט
כ׳בין געזעסן...
אין די קאַרטענע הייזלעך די דינע
איז קאַלט מיר געוואָרן...
באמת,
ס׳ווערט גאָרניט פון זינען פאַרלאָרן,
געלעבט האָט אין וויטעבסק אַ ייִד
וואָס פאַרשפּרייט האָט דעם „אמת",
דעם מאָסקווער „אמת"...

☆

באַדאַרפֿט האָב איך דורכגיין גאַנץ וויטעבסק —
פֿון אַלטער וואָקזאַלנע,
פֿון דער־אָ זייט בריק,
איבער דווינע,
אויף יענער זייט בריק,
דורך געוועזענער גאַגאָליאָווסקע,
אַזש ביז „זאַראַטשייע"
און ווידער זיך לאָזן צוריק
אַהין דורך קאַנאַטנע
(איצט דימיטראָוו־גאַס הייסט זי)
צו שמאָלינקע געסלעך,
עד היום ברוקירטע מיט שטיינער —
אילינסקע, שאָסיינע,
פּאָקראָווסקע,
אַרום דער מאַכאָרקע־פֿאַבריק
— עס פּיפּקעט נאָך היינט זיך איר קוימען —
(מיין היימשטאָט, צערונענע טרוימען),
ביז, ענדלעך, דערהערט כ'האָב
אַ יידענע שרייט צו אַ צווייטער:
„וואַרט צו אויף אַ ווײַלעטשקע, פּעשקע,
וואָס מאַכט דיין צעדרייטער?"...

☆

מיר דערמאָנען קוים די שטיינער —
ערגעץ איז געווען דער ראָג דאָ
פון קאַנאַטנע און שאָסיינע,
ווו געשפּילט איעדער טאָג דאָ
האָט אַ בלינדער. ביטער וויינען,
יאָמערן עס פלעגט זיין פידל.
אָן אַן אויפהער, אומדערמידלעך,
פלעגט דער ייד דאָ שטיין און שפּילן.
כ׳בין געווען דאַן אַ קינד נאָך,
ניט פאַרשטאַנען, אַז דער בלינדער
פלעגט מיט דעם זיין וויטיק שטילן,
כ׳זע, ווי איצט, זיין באָרד זיין געלע,
די געדיכטע רויטע ברעמען.
כ׳פלעג מיין קאָפּעקע אין זיין טעלער
צו אַוועקלייגן זיך שעמען.
ס׳איז אַדורך אַ פופציק יאָר שוין,
וויפל לייד און פיין אַנטרונען,
נאָר ווי פריש אין מיין זכרון
איז זיין וויגעשריי פון סטרונעס...

מײַן בעסטער רבי

מײַן מאַמע האָט אויף מיר זיך ניט געבײזערט,
ווען מיט אַ טשוואָק צעפליקט, צעלעכערט
כ׳האָב
די נײַע הײזלעך,
זי פלעגט מיר דורכן פענצטער פאַר די שכנים
ניט מבייש זײַן,
ניט שרײַען — „כ׳וועל דיר ווײַזן,
ווי צו קלעטערן איבער די דעכער,
ווי צו וואַרפן אויפן הויף די אײַזנס״...
ניט מוסרן: ניט לויף, ניט שפּיל
און הירזשע ניט, און לאַך ניט...
אַבי איך זאָל זיך ניט פאַרגראָבן
ערגעץ, צופיל טראַכטן...
ניט זײַן צו שטיל,
ניט זײַן קײן נעבעכל,
און וויסן באַלד ווו אײַן, ווו אויס,
געוואָלט, איך זאָל צו עפּעס ציען זיך
און זען פאַר זיך אַ ציל,
זי האָט מיך קײן מאָל ניט געטאָן קײן שטופּ, קײן שטויס
איך האָב אַ מאָל פון ערגעץ־ווו
אַ קרעציק הינטל
געבראַכט אין שטוב צו פירן,
אים אָנגערופן — מאַרסיק.
פאַרהאַדזיען פלעגט ער אונדזער פירהויז.
די מאַמע האָט געראַמט
און האָט געשוויגן.
כ׳געדענק ניט, כ׳זאָל זיך

פאַר דער מאַמען װען באַקלאָגן,
אַז עמעץ פֿון די ייִנגלעך
האָט מיך אָנגעשלאָגן,
מיך צעמזיקט.
מיר דוכט, אַז כ'װאָלט אויף דעם
ביי איר קיין מיטגעפֿיל ניט קריגן,
װייל תּמיד פּלעגט אין שטוב די מאַמע,
װי ניט אונדז מיינענדיק, דערמאָנען:
— איבער אַן איינגעבויגענעם בוים
שפּרינגען אַלע ציגן...
כ'לעבן,
די מאַמע איז געװען מיין בעסטער רבי.

דער שאָטן פון פלאַם

א יינגל אַ ברעקל
בין איך אַ יתום געוואָרן...
און פריש איז עד היום
ביי מיר אין זכרון —
שבת צו נאַכט פלעגט מיר
דער שמש דער אַלטער
די קורצע די וועקסענע ליכט געבן האַלטן,
בעת אויף זיסער טיי פלעגט ער מאַכן הבדלה
מיט עפּעס אַ טריבן און וואָכעדיקן ניגן.
און קוקן איך פלעג אויף דער וואַנט מיט בהלה,
ווי גרויזאַם דער שאָטן פון ליכט
נעמט זיך וויגן...
ביז סוף פונעם קידוש
דערשטיין פלעג איך קאַם —
אַזוי ט׳מיך געשראָקן דער שאָטן פון פלאַם...

☆

אַ בילד נאָך אַ בילד זיך וועבט אין מיין זכרון.
כ'האָב ליב, ווען ניט געצוימט איז דער געדאַנק.
אַט שוועבן ווידער אויף די קינדעריאָרן:
די מאַמע ברענגט אין קיך אויף ברייטער באַנק
די שוין געקוילעט אָפּגעפּליקטע הון
און נעמט דאָס מעסער מיטן שוואַרצן קלינגל
און זאָגט מיר: „שטיי דערביי און העלף מיר, זון,
כאָטש ס'פּאַסט ניט אַזאַ אַרבעט פאַר קיין יינגל".
די קלעפּיק־קאַלטע פיסלעך האַלט איך פעסט,
די מאַמע שניידט און הערט ניט אויף צו גאַפן:
„וואָס אייעלעך! אַ שאָד די הון, דו זעסט,
מיין קינד... אַזוי איז שוין די וועלט באַשאַפן".
...איין גרויסע איי מיט גלאַנציק פּייכטער הויט
און היפּשע אייעלעך און מאַנינקע ווי שטערן...

— — —

איך טראַכט, ווען ניט פאַרטיליקט וואָלט דער טויט,
דאָס אַלץ, וואָס האָט באַדאַרפט געבוירן ווערן...

☆

מיין טאַטע דער שירעם-מאַכער
אַ קליינװוקסיקער,
נאָר אין די אַקסלען ברייט
איז געשטאָרבן פון אַ טיף
יונגערהייט.
אַ שאָד, אַזוי קנאַפּ װעגן אים
אַזוי װיניציק איך װייס.
איך געדענק ניט מיין טאַטע
זאָל זיין װען עס איז בייז,
אין שול ניט געדוכנט װי אַנדערע
די טליתים הויך איבער די קעפּ...
כ׳געדענק װי ער האָט מיר געשאָנקען
אַ ביטעלע
מיט שיינע ביינערנע קנעפּ.

פיל שפּעטער האָב איך מיך דערװוסט
פון מיין מאַמעס װיינענדיק קול,
אַז געהייסן מיין טאַטע האָט פּשוט —
ישראל.

קינדער מיינע

מאַמע, דו לאַכסט...

עס לאַכט שוין ניט מיין מאַמע זייער לאַנג.
איר אויסראַטער און שעכטער
ער האָט געהערט דעם לעצטן קלאַנג
פון מיין מאַמעס גרויזאַמען געלעכטער...
נאָר ניט באַמערקט עס האָט דער מערדער,
ווי ס'האָבן זיך די האָר איר אויפן קאָפּ
געשטעלט קאַפּויער.
נאָך איצטער טרייסלט, וויגט די ערד זיך
פון מיין מאַמעס לאַכן אומגעהויער...

1969

☆

אַזויפֿיל וואָר געווען איז אין מיין חלום...
אַ גוס־רעגן די ערד וואַשט.
כ׳פאַרשטעל
מיט מיין שינעל־פאָלע
און דריק צום קוילן־טאַש
ביים גאַרטל
אונדזער משפחה־קאַרטע...
דעם קאָפּ כ׳פאַרוק
אונטער דער וואַרעמער שינעל,
צינד אָן אַ שוועבעלע
און קוק...
מיין מאַמען טרייבן רוצחים־רייטער
צו דער שחיטה,
איר בליק פון אומגליק — אַ געשטערטער.
די ליפּ די אונטערשטע, זי ציטערט,
זי שעפּטשעט, חזרט איבער מיינע ווערטער:
„כ׳זע שוין, מאַמע, ווי דו קוועלסט,
ווען דו האַלסט מיין בריוול,
ס׳טראָגט דיין זון שוין אַ שינעל
מיט געזונטע שטיוול...״
און טלאָען, שטיוול מיין מאַמען טרעטן,
קנעטן אין דער בלאָטע...
איך לויף צו איר אָן אָטעם :
„מאַמע״, — דערשטיקט ביי מיר
אין האַלדז ווערט מיין געשריי...
און פּלוצעם כ׳טו אַ פאַל אין דער טראַנשיי,
דעם קאָפּ אין ברוסטווער כ׳האָב צעקלאַפּט...
פון שלאָף האָב איך זיך אויפגעכאַפּט...

☆

נפתלין מיין פאַרטיליקטן זון

1

ווען ס׳שטויסט זיך אָנעט אינדערפרי מיין בליק
אין טראָפּן טוי,
אין עטוואָס לענגלעכן
אויף שוין באַזונטן בלאַט,
אַ טראַג עס גיט מיך אָפּ צוריק
צום קריג, צו גרוילן און פּאַראַט...
אַזוי, קאָן זיין, האָט אויסגעזען
מיין ייִנגלס שטומע טרער
אין לעצטער רגע פּיין...
ווערט אומדערטרעגלעך שווער
דער טראָפּן שיין...

2

אַנטדרימלט געוואָרן בין איך אויפן זוניקן ברעג...
„די ליכטיקע העזעלעך, טאַטע, אין ים וויל איך כאַפּן״.
פון וואַגען-זשע קומסטו אַהער, — ביי מיין ייִנגעלע כ׳פרעג.
אַ שוימיקע כוואַליע גיט פּלוצעם אין פּנים אַ קלאַפּ מיר.
אַ קוש טאָן מיין זון כ׳האָב געוואָלט, נאָר דער חלום אַנטרינט.
די כוואַליע האָט אויפגעוועקט מיך. כ׳האָב פון שלאָף
אויפגעציטערט.
דער חלום אַזוי ווי די כוואַליע — צעשאָטן, צעשפּליטערט...
געזען האָב איך אָקאָרשט מיין בחור —
מיין דערהרגעטן קינד...

קינדער מיינע

1

קינדער מיינע,
אויף אייערע ליפּן
מיין מאַמעס ליבער שמייכל שוועבט.
אין די שוואַרצאַפּלען ביי אייך,
מיט אַלע פּיסטשעווקעס
די מאַמע מיינע לעבט.
און ווען איר הייבט געשמאַק אָן
לאַכן מיט אַ מאָל,
הילכט אין געלעכטער אָפּ
מיין מאַמעס זיסער קול...

2

געדענקט־זשע, קינדער
און פאַרגעסט דאָס ניט קיין מאָל
פון מיין צד
הייסט אייער באָבע —
אסתר־ברכה,
דער זיידע הייסט — ישראל,
און פון דער מאַמעס צד —
הייסט אייער באָבע — מיכליע,
דער זיידע — ברוך,
אויסער די נעמען איז פון זיי
געבליבן — אַש און פאָרעך.
און צוקאָפּנס ניט קיין פראָסטער שטיין,
קיין סימן ניט פונעם געביין...

1970

אויף דער עלטער

דו זאָגסט מיר,
עס זאָל מיך ניט קימערן אויף קיין האָר,
וואָס איך האָב אויף דער עלטער אַ קליין קינד,
דאָס האָט מיר גאָט אַרויסגעגעבן אַ וועקסל
אויף לאַנגע יאָר.

ניט שלעכט זאָג איך, —
נאָר אין אַ וואָסער באַנק זאָל איך מיר ווענדן אַצינד
מיטן וועקסל ? — סיידן, אין יעלאָוון באָר,
צו דער הויפּט-קאַסירערין, דער קוקאַווע.
זי וועט אָן ספק דורכן שיין-און-שאָטן פענצטערל
אַ שאָט טאָן מיר,
ווי רענדלעך,
פריילעכע, בראַווע
יאָרן אָן אַ שיעור...

☆

איך לאָז מיין קליינעם זון ניט אָפּ פון זיך,
מיין פאָטער־ליבשאַפט ווייסט ניט פון געבאָטן.
איך לויף אים נאָך : אין קראָפּעווע ניט קריך.
און כ׳פאַל אַליין אין קראָפּעווע, אָן אָטעם.
זיך אָפּגעבריט דעם שטערן און אַ באַק
און אויף די הענט איך הער ניט אויף
צו בלאָזן.
דער קונדס מײנע̇ר לאַכט פון מיר געשמאַק,
איז לאַך איך אויך : אוי, ביסטו, זון, צעלאָזן, —
און ווידער כ׳שפרינג אים נאָך
אויף טריט און שריט,
צי ווייל מיר זיינען פון איין טייג געקנאָטן,
דעם יורש מיינעם כ׳היט, —
ווען כ׳קאָן מגולגל ווערן אין זיין שאָטן.

☆

אַ שנעק איך בין געווען.
האָט מיר מיין מאַמע וויפל מאָל
דאָס זעלבע מעשהלע דערציילט,
ווי ס'האָט אין וועג אַ פרומער ייד
זיך מיט זיין „מוציא"
מיט אַ הונט געטיילט.
דער הונט איז שווייגנדיק
דורך פעלד און וואַלד
אים נאָכגעגאַנגען.
ביינאַכט באַפאַלן איז דעם ייד
אַ גזלן... ס'גיט דער הונט
אַ כאַפּ ביים גאָרגל דעם רוצח,
דעם יידן אָפּגעראַטעוועט פון טויט...
פלעג איך נאָך דעם
אַלע מאָל פון שטוב
אַרויסטראָגן אין הויף פאַר „מורזיקן"
אַ שיסעלע מיט זופּ.
און דורכן פעצטער פלעגט די מאַמע מיך
אַ רוף טאָן: זון, מיין קרוין.
נאַ לייג אַריין אין שיסעלע פאַר „מורזיקן"
אַ קנאָכן-ביין..."

מיין באָבע קיילע

ווי מאָטל־פּייסים,
מיר געפעלט
אַראָפּרייסן פון קוסט
אַ צווייגעלע,
אויף וועלכן ס׳הענגט אַוודאי
אַ דרייסיק ווײַמפּערלעך,
און מער אַפילו. —
עס דורכלאָזן צווישן מײַנע ציין,
כדי דערפילן
און דערזען די באָבען פון יענער־וועלט...
— — — —
און איך דערמאָן זיך טאַקע אויף אַן אמתן.
מיין באָבע קיילע מיט איר ליבן חן.
עס שוועבן דורך פאַר מיר די בלייכע
אַדערדיקע הענט אירע,
די באַקן איינגעזונקענע.
זי האָט צו מיר זיך אָנגעבויגן,
באַטראַכט מיך מיט די שוואַכע
וואַסערדיקע אויגן:
— וואָס מאַכסטו. בעבעלע? —
אַזוי האָט זי מיין נאָמען,
ווען כ׳בין אַ עופל נאָך געווען
געהאַט פאַרצויגן.

ס׳הינדעלע וויל מיר ניט טאָן די טובה

ווען ס׳הינדעלע שאַרפּט אָן דער ערד
אויף לינקס און אויף רעכטס דעם שנאָבל
פּלעג זאָגן מיין באָבע:
„ס׳איז. קיין עין הרע. זאַט".
האָב איך דעריבער ליב געהאַט
מיין שבת־געבעקס צעקרישלען,
דעם הינדעל וואַרפן
כ׳זאָל ווידער זען ווי עס וועט
דאָס שנאָבעלע שאַרפן:
דערשלינגט עס די ברעקלעך
און קוקט מיר גלייך אין די אויגן
און וויל מיר ניט טאָן די טובה.
פּלעג זאָגן מיין באָבע:
„אַ הון איז אַ זולל וסובא,
קאָן אויפפּיקן דעם גאַנצן טויק
ביז ס׳וועט ביי איר ניט ווערן
די וואָליע ווי אַ פּויק".

☆

פאַרגעדענק־זשע, מיין זון,
דאָס לידעלע,
ווי אַזוי אין אָוונט קלייבט זיך די ווייסע הון
אויף דער סידעלע...
שטרעקט אַהין און אַהער אוים
דעם האַלדז
און זי קאָן ניט אַנטשיידן זיך אַל׳ץ
טאָן אַ פלי
אויף די גליטשיקע דרענגלעך.
דאָרט שוין טומלדיק איז
און צו ענגלעך.
עס וועט ווידער די שוואַרצע,
די שלעכטס,
זיך צעבורטשען, זי טויטשען
פון רעכטס.
און די געלע כאָכלאַטע חכמה,
פון לינקס
וועט נעמען נודזיען מסתמא.
אין דער פינצטער מ׳עט שטופּן זיך,
שטיקן
און איינע די אַנדערע
פּיקן...

☆

איך עצה דיר מיין זון,
זאָלסט דיינס אַ ליד קיין מאָל
צו פרעמדע לייט ניט ברענגען.
עס וועלן לצים נייגעריק
פון אַלע ווינקלען
באַטראַכטן דיך מיט ביטול,
זיך איבערווינקען,
גלייך דו וואָלסט אין אַן ענגן הויף
געשטעלט זיך מיט אַ קאַטערינקע,
געוואַרט, מע זאָל דיר פאַרן שפּילן
קליינגעלט
וואַרפן אינעם היטל,
וואָס וואַלגערט זיך באַ דיינע פיס...
פון יעדן פאַלנדיקן גראָשן
אין האַרצן טוט אַ ריס,
באַוואַשסט מיט בלוט זיך פון בזיון...
די סודותפולע און פאַרבאָרגנסטע געפילן
פון ליד דערזועגן קענסטו זיך פאַרטרויען
דיין סאַמע נאָענטסטן מענטשן,
היים-געליבטן,
אַרויסשעפּטשען פאַר אים מיט ציטער אויף די ליפּן,
מיט שטאַרקן ווילן און נשמה-דראַנג
דיין יעדן זילב און קלאַנג...

איך ווער גאָר ניט מיד...

איך ענדער זיך ניט,
אַ שטריך איינגעבאָרענער.
איך ווער גאָר ניט מיד
מיין הויזגעזינד וואָרענען:
זעט, פאָרזיכטיק זייט —
די פיש איז פול מיט ביינדלעך,
ס׳ברויט פאָרזיכטיק שניידט,
דאָס מעסער ער בויגט זיך.
זיך פאָרזיכטיק שפילט
און פאָרזיכטיק באָדט זיך,
אויף דער זון שטאַרק ניט בראָט זיך
און זיך ניט פאַרקילט.
אין גאָס גייט געהיט,
ניט פליט און ניט קלעטערט,
זייט פאָרזיכטיק איצט,
זייט פאָרזיכטיק שפּעטער.
איך ענדער זיך ניט,
אַ שטריך איינגעבאָרענער
איך ווער גאָר ניט מיד
מיין הויזגעזינד וואָרענען.

הימל־טויערן

עס טרעפט אַ מאָל, ווען איבער הימל־ראַנד
די דונער־בליצן קייקלען זיך און רעדערן,
דערמאָן איך מיר מיין מאַמעס בעטגעוואַנט,
ווי איך פלעג זיך פאַרגראָבן שטומערהייט,
פאַרמאַכט די אויגן און פאַרשטאָפּט
די אויערן,
ביז אָנזאָגן מיין מאַמע פלעגט מיט פרייד:
— אַ רעגן־בויגן, קינדער,
הימל־טויערן !...

☆

פאַר מיכאל ראָזענבערג

איך וועל נשתומם,
אין מאַרט אויפן נאָך טיפן שניי
אַרום יעדער בעריאָזע,
איז אָנגעשאָטן אָן אַ שיעור
בעריאָזע-זוימען.
נאָר בוימער קאָנען אַט אַזוי
עקשנותדיק
און ליידנשאַפטלעך טרוימען,
צו זיין און ווידער ווערן.
דערפאַר זיך שפרייטן
זוימען אויפן שניי
ווי אויפן הימל שטערן.
און יעדעס זוימעלע
איז ענלעך זייער
אויף אַ פּיצל פייגעלע,
וואָס האַלט די פליגעלעך צעשפּרייט.
אוי, שטאַרקער, שטאַרקער איז
דאָס לעבן פונעם טויט!

☆

ערגעץ ציט מיך, ערגעץ שלעפּט מיך,
וואַלגערן זיך, ווי אַ פּערד אין גראָז.
ס'וועט אַזש פּריקרע
שוין צום האַלדז דערגאַנגען —
איבער זיך צו זיין אַ בעל־הבית
נאָכאַנאַנד אין מוח זיך פאַרקריצן —
קומען צו דער צייט, צו דעם מאָמענט.
און אַז ס'ווילט זיך דווקא טאָן גאָר פידרעך
ענג איז מיר אין דלד־אמות ווענט.
פון דער העלער הויט אַ טראָג זיך געבן...
קאָפּ אין קישן, אָן אַ שטיקל דאַך.
הייבט זיך אָן אַ מעשה — ווייב און קינדער
און דער אַלטער פּחדן —
„גיי, טו, מאַך..."

מיין חברותא

☆

וואָס שטאַרקער די ביימער אין וואַלד זיך צערוישן, —
מחשבות אין זינען, ווי קאָרטן זיך טוישן.

איך פיל, ווי דער ווינט רוימט און שעפּטשעט די צווייגן.
נאָר זיי קענען סודות נישט האַלטן, נישט שווייגן.

אַנצאָליקע בלעטער מיט ציטער און פיבער
„שו־שו" און „שו־שו" — יעדן קוסט גיבן איבער.

און ס'דוכט מיר, אַז אויפהער זיך ליפּן באַוועגן...
נאָר גאָרנישט כ'פאַרשטיי נישט. ביי וועמען זשע פרעגן,

אַ פריילעכע אָדער אַ טרויעריקע בשורה
געבראַכט האָט דער ווינט און צי אַלץ איז כשורה?

וואָס שטאַרקער די ביימער אין וואַלד זיך צערווישן, —
מחשבות אין זינען, ווי קאָרטן זיך טוישן.

☆

כ'האָב ליב אין די אָוונטן, קוקן
ווי הימל־קאָלירן זיך בייטן.
אין דמיון איך הער גאָר ניט אויפעט
אויף לויטערע וואָלקנדלעך רייטן.
זיי זיינען צו מיר שוין געוווינט.
איך קלאַפּ זיי ניט איבער די זייטן,
חלילה, איך צערטל די הריוועס,
די אויערן גלעט איך:
זייט ליבע, מיט מזל געקרוינט!

☆

גייסטו נאָר
אין וואַלד אַריין —
שיין און שאָטן,
שאָטן־שיין.

אַך, ווי ס׳איז
צו קוקן פֿיין —
שיין און שאָטן,
שאָטן־שיין.

אויפֿן גראָז
דאָס פֿלעשל ווײַן —
שיין־און שאָטן,
שאָטן־שיין.

וויגן אונדז
די ביימער איין —
שיין און שאָטן,
שאָטן־שיין.

ווערן שוין
אי מײַן אי דײַן
שיין און שאָטן,
שאָטן־שיין.

סיי אין פריידן,
סיי אין פּיין —
שיין און שאָטן,
שאָטן־שיין.

אויך אין חלום
וועלן זיין --
שיין און שאָטן,
שאָטן־שיין.

נאָר אין גרוב
האָט טויט פֿאַרבאָטן —
סיי די שיין
און סיי דעם שאָטן.

☆

איך זע פון שאָטן,
ווי נאָכן רעגן איז
צו יעדער רייפער קאַרש
אַ לויכטנדיקער טראָפּן
צוגעזאָטן
און זונענשטראַלן
קושן אויס די טרערעלעך
אויף צאַרטער פינקלדיקער הויט.

פאַר בושה און פאַר שמחה
די קאַרשן ווערן מער נאָך פלאַמענדיק
און טונקל־רויט.

אַ שטאָט אין וואַלד

דרוסקענינקאַ — אַ שטאָט אין וואַלד
מיט וועוועֶרקעס מיט פריילעכע,
וואָס נעמען פון דער האַנט צוקערקעס,
דערנעבן שטראַלט דער ניאָמאַן.
אין קילקייט זוניקער,
דאָ קוויקט זיך מיין נשמה.
די ווערבעס מעכטיקע און קליאָנען־ריזן —
מיינע ווילע גידן.
און ניאָמאַנס טעכטערל — ראַטניטשאַ,
זי ריזלט רונד־אַרום און לאָזט ניט ווערן מיד מיר,
כ׳האָב אָפּגעשלאָגן אַלע אירע שוועלן,
אַזוי איז מיר דאָס ברויזיק טייכעלע געפעלן.
אין וואַסער אין בורשטינענעם,
זיך זעט דורך לויטער יעדעס זויבער זעמדל.

...ביסט ראַטניטשאַ, געבוירן אין אַ ליכטיק העמדל —
תמיד לעם דיין ליבן פאָטער ניאָמאַן.
דרוסקענינקאַ — אַ שטאָט אין וואַלד
מיט וועוועֶרקעס מיט פריילעכע,
די ווערבעס מעכטיקע און קליאָנען־ריזן
מיינע גידן.
און נאָך אַ קלייניקייט —
איך האָב זיך ליב צו טרעפן דאָ מיט יידן.

1973, ליטע

☆

בשעת
אַ בליק געטאָן כ׳האָב אין דער הייך,
האָט צווישן אויפגעקנוילטע שוואַרצע כמאַרעס צוויי
געצווייגן זיך אַ ברייטלעכער און העלער זילבער־פּאַס,
ווי צווישן בערג — אַ שטילער זומערדיקער טייך...
איך האָב מיט חידוש אויפן הימל־ראַנד געקוקט —
איין רגע בלויז
אַ דונער־בליץ האָט זיך צעקנאַלט און גלייך
די כמאַרעס האָבן זיך צענויפגערוקט...

☆

צווישן וואַלד און ים
איך בלאָנקע פון באַגינען.
ליכטיקע קאָלירן, —
קריצט זיך איין אין זינען!
צום געמיש פון קלאַנגען
שפּיץ איך אָן מיין אויער:
ס׳זינגען פייגל, ס׳ברויזן כוואַליעס.
דויער שיינקייט, דויער!
אין אַ בלויען שלייער
נעמט דער ים זיך הילן,
אין מיין האַרצן זוניק
ווערן די געפילן.
ס׳איז דער טאָג ניט אייביק,
ס׳גייט דער טאָג צו ענדע.
איבער ים די זון נעמט,
ווי אַ פייער בלענדן.
טונקל ווערט. די שקיעה
איז שוין אויסגעלאָשן,
נאָר דעם ברעג פאַרלאָזן
איז ניט אַזוי פּשוט:
מיין געהער כ׳בין חושד —
ער זאָל ניט פאַרגעסן,
ווי די כוואַליעס רוישן,
ווי זיך סודען צווייגן.
ווי עס שעפּטשען בלעטער.

בלאַנקע איך אַרומעט,
פינצטער איז שוין, שפּעט איז.
דעם געברום פון כוואַליעס
הער איך, הער איך ווידער.
ביז אונטער אַ סאָסנע
כ׳פאַל אַוועק אַ מידער...

נאָכן שטורעם

דער ים האָט אָנגעהאָרעוועט זיך גוט
און איצט מיט שפּיגל־גלאַנץ צופרידן רוט
אַנטקעגן זון און בלויער הימל־טיף.
ניט ווייט פון ברעג געהיים אַ ווינטל שטיפט
און אומזיכטבאַרע שטיינדלעך וואַרפט אָן ענד.
די כוואַליעלעך צעגייען זיך
צום ברעג געווענדט
און יעדערע טוט דאָס פאָלירטע זאַמד
אַ וואַש.
כ׳האָב נאָכן שטורעם ליב ביים ים
דעם שטילן רעש...

1963

☆

אין יורמאַלאַ
איז אויפגעגאַנגען היינט די זון
פון וואָלקן-נעפּל
קיילעכדיק, אָן שטראַלן —
פּונקט ווי אַ גרויסער רויטער אַלמאַאַטינער
עפּל...
סאָראָקעס פליען אום
צעפּודזיעטע פון שמחה
און פון שרעק:

„וווּ וועט דער עפּל פאַלן
אין ים, צי אויפן ברעג?..״
שוין צו דער ערד זיי וואַרפן
זשעדנע בליקן,
זיין זאַפּטיקע, זיין פרישע הויט
צו פּיקן...

לעטלאַנד, 1971

לבנה־שקיעה

די זון אין ריינעם הימל איז שוין הויך.
דער אווגוסט טאָג —
אין פולן כוח
און פראַנק און פריי
אָן אויפהער הילכט
דאָס פייגל־צוויטשעריי.
די לופט מיט רייפע פירות־דופט איז אָנגעגאָסן,
מיט פרישקייט פון די לעצטע טראָפּנדלעך באַגינען־ראָסע,
מיט לאַבונג און מיט חיות.
איך שטיי לעם בליענדיקן קליעווער־פעלד
און אומגעריכט זיך שטויסט צונויף מיין בליק
מיט דער לבנה־שקיעה...
צוערשט
(זיך גאָרניט פאַרגעשטעלט),
געמיינט האָב איך — עס איז
אַ שפּליטער פון אַ שיטער וואָלקנדל
ביים הימל־ראַנד.
נאָר מיינע שוואַכע אויגן

שטרענג איך אָן

אונטערן דאַכעלע פון האַנט,
דערקאָן איך
דאָס אויסגעבלייכטע,
צערטלעכע
לבנה־פנים...
ווי עלנט עס פאַרשווינדט, אַליין, אַליין
און זעט אויס, ווי אַ קליין,

שמאָל שערבל־שניט

פון בלענדיק־צויבערלעכן זילבער־שאַל...
אויף דער נשמה טרויעריק מיר ווערט דערפון,
צו אַנגסטן אייגענע עס גיט אַ טראָג. —
אין שטאַרעקר שיין פון זון,
אין דעם גערויש פון זאַפטיק־שפּרודלדיקן
זומערטאָג,
ווי איינזאַם אומבאַמערקט ס׳פאַרגייט
די וואונדער־שיינע,
אייביק־טרייע
ערד־באַגלייטערין,
פון קיינעם ניט באַגלייט...

נעמט אונדז, בינען־ריטער

די בינען האָבן פּולקאָם
זייערם אָפּגעטאָן
און היינט באַגינען האָבן זיי פֿאַרכאַפּט
דעם העל־באַזונטן,
דעם לעצטן זיסקייט־באַסטיאָן —
די אוגערקע־קווייטן.
אַ קיל אַווגוסט־ווינטעלע געווייט האָט
און זיי, די געלינקע קווייטעלעך,
מיט שמחה מיט פֿאַרטייעטער
צו דער באַגעגעניש
געווען שוין זיינען גרייט
און יעדעס סאַמעט־בלעטעלע
אויסגעגלייכט,
צעשפּרייט,
מיט רעגונג און מיט ציטער
די האָניק־בעכערלעך
אַרויסגעשטעלט:
— נעמט אונדז, בינען־ריטער
מיט אייך איז זיס די וועלט!

1971

☆

די אַווגוסט־נאַכט אויף הויכן באַרג ביים ים
איז זיכער מיינע, אָן אַ מינדסטן צווייפל.
אויך אַט די טרעפּלעך הילצערנע אַזויפיל
מיט דער פּאַרענטש, וואָס האַלט זיך אויפעט קאַם.
און אויך דער שטערן, וואָס אין הייך צערינט,
די רוישנדיקע כוואַליעס אין דער פינצטער,
דער אומרויקער הייסער דרום־ווינט,
וואָס קושט זיך שטיל מיט יעדער בלאַט דער דינסטער.
און דאָך ניט אַלץ, ניט אַלצדינג איז דאָ מיינס:
ס׳לאַמטערנדל, וואָס וואַרפט אַ סנאָפּ מיט שיין,
אַנטפּלעקט אַ בחור מיט אַ מיידל אַזאַ פיינער,
דער קוש, וואָס האָט דערנאָך אין חושך זיך צעהילכט,
איז אויך געווען ניט מיינער...

1962

☆

מיר דוכט זי קוקט מיט פייערלעך אין בליק,
ווי ס׳בייגט און שויבערט די אַקאַציע־קרוינען,
די דינע שטאַמען ווי מיט קראַפט ס׳צעוויגט
דער דרום־ווינט, דער חוצפּהניק — כל־בוניק,
וואָס ווייסט ניט פון קיין איידלקייט און שטאַט
מיט יונגן הייסן אָטעם, אָן שום בושה,
אין מיטן העלן טאָג מיט יעדער בלאַט
זיך הערט ניט אויף צו שעפּטשען און צו קושן.
כ׳אַנטשייד זיך טאָן איר האַנט אַ שטילן ריר.
נאָר ס׳גיט דערביי מיין האַרץ פאַר שרעק אַ ציטער,
זי טוט אַ שטעכיק בייזן קוק אויף מיר
און לעכצט און וואַרט אויף שטורעם און געוויטער
און קוקט אויפסניי מיט פייערלעך אין בליק,
ווי ס׳בייגט און שויבערט די אַקאַציע־קרוינען,
די דינע שטאַמען ווי מיט קראַפט ס׳צעוויגט
דער דרום־ווינט, דער חוצפּניק — כל־בוניק.

☆

טשיקאַווע קוקן, ווי דאָס קעצל אַ טרייסל גיט
דאָס לאַפּקעלע, וואָס מ׳האָט עס אָקאָרשט אָנגעטראָטן,
פּונקט ווי דעם ווייטעק וואָלט עס אָפּטרייסלען דערמיט.
און זע, ס׳איז אים דאָס אויף אַן אמתן געראָטן.
ווייל אָט־אָ וואַשט עס זיך אויפסניי — איין לאַפּקע
מיט דער צווייטער,
און פלינק אַ שפּיל גיט מיטן עקל און פאַרדרייט עס,
ווען איך וואָלט קאָנען איינס־און־צוויי
אַראָפּטרייסלען פון האַרץ
מיין ווינד־און־ווײ...

אין בונטע חופה־קליידער

פאַרביי מיין אָפענעם פענצטער
צו דער שקיעה נעענטערט זיך
די אווגוסט־זון א צעפלאַמטע, אָנגעהאַרעוועטע
אין אַ בלוילעך־פיאָלעטן וואָלקנדל —
אַ קאָפּטעלע אַ צעכראַסטעטס,
צו קוקן אָנגענעם, ווי ס׳פּאַסט איר,
און ס׳זען זיך די אָנגעטרודזיעטע רויטע פלעקן
אויף איר גאָלדיק־קלאָרן האַלדז.
אָוונט קומט...
קיל און אומעטיק געוואָרן איז...
איבערן הויכן אָפּגעבליטן לופין
זיך טראָגן אַלײן
און אומדערמידלעך טאַנצן
זייער לעצטן שטראַוס וואַלס —
ווייסע פלאַטערלעך אַ פּאָר
און ס׳רייסט ביי מיר אַראָפּ זיך פון די ליפּן —
אין חופה־קליידער גאָר!
די זון פאַרגייט דאָך שוין,
מיט איר צוזאַמען זייער שוועבן
און צאַפּלדיק און ליכטיק לעבן,
נאָר ס׳קימערט ניט די פלאַטערלעך קיין האָר —
נאָך שימחותדיקער, אימפּעטיקער,
האַסטיקער, עס טאַנצט די פּאָר
אין בונטע חופה־קליידער...

אַנטשולדיק ווייסער חברהניק

בגילופן פון די קליעווער־גראָזן,
רייפֿע פּירות,
בלומען־דופטן,
פלוצעם טראָגט מיר צו דאָס ווינטל
אין דער לופטן,
סאַמע אונטער נאָז
דאָס חשבון־צעטל,
אַ צעוויאַנעט־געלן קאַרשן־בלעטל;
שטוין איך,
קוועטש איך מיט די אַקסלען —
ס'איז מיין זומער־סעודה
נאָך אין רעכטן מיטן...
דאָך, אַ קוק געטאָן
כ'האָב אויפֿן קאַרשן־בוים
און דערזען אויף זיינע צווייגן
נאָך אַ סך אַזעלכע אָסיען־בליטן.
אויך אין גראָז זיך וואַלגערן אַרום
איינגעשרומפּן געלע
קאַרשן־בלעטלעך —
ערשטע, טריבע
האַרבסט־סימנים.
רוף איך זיך צום ווינטל אָן:
אַנטשולדיק, ווייסער חברהניק,
האָסט רעכט,
צעצאָלן דאַרף איך
פאַרן זומער זיך, הפּנים.

☆

אין אומעטיקן אָסיען־פעלד,
לעם היי אַ סטויג,
כ'נעם שטייף אַרום,ביים שיידן זיך,
דעם זומער:
— מיר זיינען מיט דיר איצטער אויג אויף אויג,
כ'וואָלט וועלן אויך איבעראַיאָר
אַרויסציען ביי דיר אַ העלן מזל־נומער...
— ניט אַלץ פון מיר איז אָנבאַלאַנגט,
איך וואָלט עס דיר פאַרגונען... —
אַ שמייכל גיט דער זומער טריב
און הינטער סטויג אַנטרונען...

☆

אין גאָלדענעם וועלקן פון הארבסטיקן וואַלד —
ווייפל שיינקייט, אָנטשיידנקייט, דרייסטקייט,
קיין טראָפּן פאַרדראָס ניט און בייזקייט.
נאָר איך פיל, ווי דעם אומעט אין זיך ער באַהאַלט,
ווען אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט צו די פיס זיינע פאַלט
און זיין ווײ איך באַמערק לויטן ציטער
פון די פייכטע און נאַקעטע ריטער...

1963

☆

און ווען לעם ברעג פון ים
געוואָרן איז שוין אמת קאַלט,
געקומען איז צו גיין דער גערטנער־ציכטלער
און האָט די ווייער־פּאַלמעס באַלד,
זיי זאָלן זיין כאָטש מיטן לעבן זיכער,
אַרומגעדרייט, אַרומגעבונדן שטייף מיט טיכער
ביסקל די סאַמע גרינע פינגער־שפּיצן.
איז גרינגער מיר געווען אין וואַרעמקייט צו זיצן...

1966 יאַלטע

☆

מאָטל סאַקציִער

די כוואַליעס אומאויפהערלעך שלייפן און שאַרפן
די שטיינדלעך, מיט גלייכגילט אויף הפקר זיי וואַרפן.
דאָך יעדעס זיין אָנבליק, זיין חן האָט און שפּרענקל.
אָט וויג איך אַ שטיינדל וואָס שוואַרץ איז ווי שטיינקויל.
אַ שטיינדל — אַ קאָפּ פון אַ לייב אויסגעגאָסן,
אָן דאַשעק אַ היטל, וואָס ס'טראָגן מאַטראָסן.
איין שטיינדל — אַ פעסטונג פון פיינט זיך באַשיצן,
אויף איינעם זיך שלענגלען און דרויבלען זיך בליצן.
אַ שטיינדל — אַ ציינדל, אָן אַלטער קאָמאָדל,
אַ שטיינדל — אַ וואָגן מיט שטיינער געלאָדן.
אַ שטיינדל — אַ טיאָכקע גיט פּלוצעם אין האַרצן,
ווי צוויי טראָפּנס וואַסער — אַ מיטה אַ שוואַרצע...
אַ שטיינדל — אַ בלויער צעשטערנטער הימל,
אַ קיילעכיק ברויטל באַשאָטן מיט קימל.
אָט זעט נאָר, דער אייביקער שעפער — די כוואַליע
אַ גאַרטל פאַרבונדן אַ שטיין אַרום טאַליע,
אַזוי ווי פון מיידל פון שטייפער און שלאַנקער,
אַ שטיינדל — אַ שפּיציקער מעסער אַ בלאַנקער,
און אָט האָט די כוואַליע אַ שטיינדל אין מיטן
אַ גרויסן אַ מאַנסבלשן טראָט אויסגעשניטן...
די כוואַליעס אומאויפהערלעך שלייפן און שאַרפן
די שטיינדלעך מיט גלייכגילט, אויף הפקר זיי וואַרפן...

אינעם האַרבסטיקן באַר
אַזוי שטיל, אַזוי גוט,
אויף די גאָלדענע קליאָנען
די שכינה דאָרט רוט.
די קאָלירן, די פאַרבן...
ווי שטאַרק מיר געפעלט,
ווי די זון ביים פאַרגיין
יעדעם בלעטל באַהעלט.
אויף מיין וואַלדישן שטעג,
ניט גערירט בלייב איך שטיין.
ס׳פליסט די שטילקייט פון באַר
אין מיין בלוט און געביין.
מיט פאַרטייעטן אָטעם,
פאַרגאַפט כ׳הער זיך צו:
ס׳פאַלט אַן איינציקער בלאַט
אין דער וואַלדישער רו.
אַזוי דייטלעך פאַרנעם איך
דעם ציטריקן קלאַנג...
כ׳גיב אַ צוק מיט די אַקסלען,
עס טוט ווײ, עס טוט באַנק...

לויט די קאַלטענעס, בוזיקעס

אין גראָז, לויט די קאַלטענעס, בוזיקעס
און תשעה באב-בערלעך, שטעכלקעס,
האָב איך אין פּאַריעטשע באַנומען:
אין גיכן דאַרף תשעה באב זיין.
ווען אפילו גערעכנט איך וואָלט
צו אַ פרומען,
אַ גלויביקן יידן אַריין
פאַרפינקטלעכן דאָס, וואָלט אומזיסט
מיין טירחה געווען:
ס'איז דאָך פּאַריעטשע פּאַרוויסט,
פאַרטיליקט די גלויביקע מ'האָט
מיט די אפיקורסים צוזאַמען. קיין לעבעדיק וועזן
קיין זכר פון יידישער ערה
איז דאָ אין פּאַריעטשע ניט איבערגעבליבן.
בלויז די קאַלטענעס, בוזיקעס,
תשעה באב-בערלעך
דערמאַנען דעם טאָג מיר, דעם טריבן.

☆

כ׳קוק אויף דער הויכער בושל נעסט
מיט גרויס יראת הכבוד
און טרוים און טראַכט:
פון וואַנען נעמט זיך באַ דער בושלעכע
און ביי דעם בושל
אַזוי פיל כוחות און עקשנות טאָג און נאַכט
די עופעלעך צו פילנעווען און כאָוועןʔ —
גאַנץ פשוט, ווייל עס גייט דאָ אין ירושה:
זיי לאָזן איבער דאָך אַ שיינע פרייע וועלט
פאַר יורשימלעך פאַר קליינע און ציבאַטע*
דעריבער מיען זיך די מאַמע און דער טאַטע, —
די ברייטע גרינע ערד און הימל־רחבות
אָנקומען זאָל זיי.
כ׳קוק אויף דער הויכער בושל־נעסט — טשיקאַווע —
און טיף אין האַרץ זיך פריי...

☆

שוין אויסגעוואַקסן גרויס די בושלקעס
אין נעסט, אין בושל־וויגל.
און ס׳גייט אַצינד אַ הייבעניש,
אַ קלאַפּעניש פון פליגל.
די מאַמע בושלעכע באַווייזט,
דער טאַטע בושל חזרט איבער —
זיי גרייטן זיך אין וועג אַריין,
די ברייטע רחבותן אַריבער,
אַ הייב די פליגלען — פאַך נאָך פאַך,

---

* ציבאַטע (ווייסרוסיש) לאַנגפיסיקע.

די בושליקעס זיי טוען נאָך
דעם טאַטן און דער מאַמען,
ס'וועט דורכגיין מער נישט, ווי אַ וואָך
און די משפּחה פון דער נעסט
אַוועקלאָזן זיך וועט
צו ווייטן צו געראַמען...

1970

געמיינט די ערשטע פרילינג־בליטן

דער ערשטער שניי אין וואַלד.
מיט שימחה קינדערשער
אין לופטן אויסגעשטרעקט די האַנט איך האַלט.
אָן אויפהער וויגן, דרייען זיך
די דופטיקע, די לויטער־קלאָרע שטערנדלעך שנייעלעך,
און מיט אַ מאָל — אַ פלאַטערל צווישן זיי
(פון וואַנען קומט עס אָן?),
אַ רגע טראָגט זיך עס אין רוים
איבער ווירבלדיקער ווייסער טראַסע,
ס'האָט זיך אין ווינטערדיקן מלבוש מיינעם איינגעקלעפּט
מיט דורכגעווייקטע פליגעלעך פּיטש נאַסע
און צאַפּלט, לעבט...
מיט ברעקל מוחל געמיינט, מיסתּם,
זיך שיטן
פון פרוכט־ביימער די ערשטע פרילינג־בליטן...

☆

מיין חברותא?—
דער ווינטער־וואַלד,
די ווייסע בעריאָזעס,
דער קלאָרער ליכטיקער שניי,
דער פּיקהאָלץ.
איך גיי אַרום אַ גאַנצן טאָג
און שמועס זיך דורך מיט זיי,
איך רייד מיר אויס מיין האַרץ,
אַלץ, אַלץ בהדרגהדיק.
און קיינער שלאָגט מיר ניט איבער
און זאָגט מיר ניט: ליבער,
בקיצור,
דו קאָנסט דאָך מיך מאַכן
טראַגעדיק...

חס ושלום

ביינאַכט אין וואַלד אין יעלאָוון,
אַנטקעגן דער פולער לבנה
דער שיינער,
פאַרקנאַקט, אונטער גלעזל, כ׳בלייב שטיין,
און זוין:
די מענטשן זיך גריבלען שוין
אין דיינע שטיינער.
דו זאָלסט, חס־ושלום,
מיין טרייסט, ניט פאַרלירן
דיין ליכטיקע ווייסקייט און חן...

די קוסטעס מיט אַנטבלויזטע ריטלעך

די קוסטעס מיט אַנטבלויזטע ריטלעך,
וואָס טראָגן ווייסע פּוכקע היטלעך —
פול-פולע קעסעלעך מיט טיי,
זיי שטייען פּונקט ווי אין טראַנשיי
דערפרוירענע פון קעלט סאָלדאַטן,
און קלאַפּן קלאַפּן מיט די פיס.
ס'קלעפּט דאָס ליים זיך צו די מאַסקכאַלאַטן.
איך קום צו נע'נטער, זיך באַגרים.
כ'דערהער: „דערלאַנג, סאָלדאַט, דיין פייערל"
און כ'נייג זיך אָן מיט מיין ציגייערל...

☆

אזויפיל פינקלענדיקע בישוף-שיינקייט
האָבן זיי פאַרמאָגט
אין וואַלד די ניט געריררטע הורבעס שניי,
מיט צאַרטע ווייכע ליניעס
געדונדיקט און געטאָקט.
אַצינד. אין מיטן מאַרט,
ווי שטאַרק פאַרענדערט זיינען זיי:
סוטולע רוקנס, די זייטן איינגעפאַלן,
די ביינער שטאַרצן, ווי ביי אַלטע שקאַפּעס.
און פון די יעלן-לאַפּעס
הערן גאָר ניט אויף צו פאַלן
אַ שלל מיט נאָדעלעך
מיט ברודיק-געלע,
ווי סעטשקע-היי.
דאָס זיינען שוין ניט יענע העלע
מיט דימענטן באַפּוצטע הורבעס
שניי...

1974

ביים ווייסן ווינטער־פעלד

ר אַ ט ע ו ו ע

מיין האַרץ איז שוין גאָר
צו אַ פאַרלאָזענעם גאָרטן געגליכן:
אַרום שפּראָצן, קריכן
לאָפּוך-בלעטער,
ווילדער רעטעך,
ביטער-גראָז, שלאַנגען-גראָז,
סווירעפּקע, פּאָלין
און בלינדע און קאַלטע,
ברייקע קראָפּעווע-קוסטעס
מיט תשעה-באָב-בערעלעך,
מיט אָדוואָנטשיקעס פּוסטע,
קאָלירן —
געל און גרין...
נאָר איין איינציקע טרייסט —
פון וויטן מיר שיינען
קאָרן-שוועסטערלעך בלויע
(איין גאָט ווייסט
פון וואַנען זיי קומען אַהערצו),
מיט פּיין מיר פאַרטרויען,
מיט רחמים זיי טענהן:
— פריהלושען די קראָפּעווע וועט אונדז,
צעקאַטעווען,
ליבינקער,
ראַטעווע!...
ראַטעווע!...

און קיינער...

פאַר דער לערערין
פון יידיש
לאה דימענט

כ'האָב זיך אַליין
אין די האַלאַבליעס איינגעשפּאַנט
און איבער זיך בין איך דער בייזער בעל עגלה,
און די פאַרשוינען —
מיינע טרוימען און חלומות...
אַ נאַכט אַ פינצטערע... דער שליאַך איז
אומבאַקאַנט,
פון אָרט איך גיב זיך ניט קיין ריר,
ווי איינגעקלעפּט וואָלט איך געווען אין סמאָלע.
איך שטשאָבע זיך און פאַסעווע און ממית:
פאָר,
אין אַלדע שוואַרצע יאָר־
— — — — — —
דאָס פערד בין איך,
דער וואָגן — איך,
דער שליאַך, דער פורמאַן
און פאַראיינס אויך — די פאַרשוינען.
איך פויזע, קריך
און קיינער וויל ניט העלפן מיר
און קיינער וויל מיר אויף קיין גיונץ
ניט שוינען.

מיין ווערטל

עס ווערט היימלעכער מיר,
ווען עס פאַלט שוין דער זוניקער בלענד
אויף מיין טיש,
אויף מיין בויגנדל ווייסן פּאַפּיר;
ס'איז טשיקאַווע צו זען,
ווי דער שאָטן פון פען
ענלעך ווערט אויף אַ סאַלקע־בוידעמל
מיט אַ פענצטערל שמאָל, ווי אַ שפּעלטל.
און די שאָטנס פון פינגער פון מיינע,
ווי שדימלעך
טאַנצן און שפּרינגען
צווישן די שורות — מיין ווערטל...

1967

☆

ווי גוט איז שעהנוויז צו זיין אַליין
צווישן רויקע פיר שטילע ווענט;
עס פליען פון זיי שטיל אַרויס
מלאכימלעך־מהשבותן
אָן ענד.
זיי שוועבן אַרום מיר מיט לייכטן שאָרך
און זייד־געפלאַטער.
דאַן קיין שום טעלעוויזער דאַרף איך ניט
און קיין שום טעאַטער...

1968

☆

ווער ס׳ציט מיט גוואַלד די ווערטער
צום לעבנס־קאַראַהאַד,
פון יעדן אות דערהערט ער:
—ניט טאָן וועל איך קיין טראַט,
ניט דו ביסט מיין באַשערטער. —
און אַלע אין איין קול:
— האָסט הענט פונקט ווי אָבצווענגעס,
מיר וועלן דיר ניט ברענגען
קיין נחת אויף קיין האָר,
ביסט ניט פאַר אונדז קיין פּאָר...
אַ גאָלדן הארץ, ווער ס׳האָט —
מיט אים אין קאַראַהאַד
זיך לאָזן פריי די ווערטער.
פון זיי נאָר ברכות הערט ער.

1969

☆

אין צימער ביי מיין העלן אַרבעטס-טישל
איז גוט אַזוי געמיטלעך מיר און וואַרעם.
בין איך דען, זאָגט, ניט ענלעך אויף אַ פישל,
וואָס פריידט זיך אין אַ קליינינקן אַקוואַריום —
אַראָפּ-אַרויף עס בלינצלט מיטן עקל
צווישן ביסל גראָז און גרייפּלעך, ברעקלעך.
אַהין-אַהער, עס הערט ניט אויף צו שטיפן...
ניט אַנדערש, ס'מיינט דאָס פישל, בלי ספק,
עס שווימט אין ים, וואָס האָט קיין ברעג, קיין סוף ניט
און טיף איז דאָ — ניטאָ אַזעלכע טיפן...

☆

מיין פריינט, ניט פלי,
ניט טומל און ניט האווע,
באמערק, אין וועלדל
שווייגט שוין די קוקאווע.
אין פעלד איז אָנגעגאָסן שוין
דער קאָרן
און יינגלעך-מיידלעך
פּאָרן זיך און פּאָרן.
די אָוונטן, ווי פרויען
פלינקער, גיכער,
פּאַרשפּרייטן איבער גראָז
די שאָטן-טיכער.
עס שיינט שוין פאַר דיין בליק
דער אָוונט-שטערן.
מיין פריינד, שוין צייט,
שוין צייט באַדאַכטער ווערן —
און זען, ווי פייגל פליען,
וואָלקנס שוועבן,
אויב ניט, איז וואָס
דאָס האָוועניש אין לעבן?...

☆

ווען לויפנדיק פֿאַרקאַכט אין פּיאָנער־אָטריאַד,
דערזען פֿלעג איך: אַ ייִד אַן אַלטער טופּעט מיט
אַ שטעקן,
פֿלעגט אין מיין קינדעריש האַרץ אַ מאָדנע בושה
זיך דערוועקן,
נו, רוף עס אָן אַ רמז צי אַ חשד,
נאָר ניט געווען קיין גרונט
איז נאָך ביי מיר צו קלערן,
אַז אין אַן־ערך פֿופֿציק יאָר אַרום,
וועל איך אַ קאָפּיע פֿון יענעם יידן ווערן.

☆

די מאַמע האָט איר זון אַ היטעלע געקויפֿט.
מיט העלע פֿינטעלעך און גלאַנצנדיקן דאַשעק,
דאָס קינד פֿון שטוב אַרויס פֿאַרפֿאַליעט לויפֿט,
וויל אויפֿן הויף דאָרט יעדן איבעראַשן.
נאָר קיינער לייגט גאָר ניט אויף אים קיין אַכט,
ער דרייט דעם דאַשעק יעדן פֿאַר די אויגן
און גייט אַריין אין שטוב צוריק פֿאַרטראַכט...
די מאַמע פֿרעגט:
— ווו ביסטו עס, מיין פֿרייד, אַרומגעפֿלויגן?
באַוויז כאָטש, ווי דיין היטעלע דיר קליידט,
מיין זון מיין ליבער, טראָג געזונטערהייט...

1965

☆

װען אַ מענטש דערצײלט
װעגן זײַנע פּלאָגן,
איז די גרעסטע מצוה, —
פֿלעגט מײַן מאַמע זאָגן, —
מיט געדולד און אַפּשײ
יעדעס װאָרט זײַנס הערן.
ס'װעט פֿון דעם זײַן לאַסט אים
לײַכטער, ליבער װערן.
שטיקן אַלצדינג אין זיך
פֿון דער װעלט באַהאַלטן,
איז דאָך פּשוט גאָר
ניט אױסצוהאַלטן!...

☆

א רגע זיך אריינטראַכטן —
אַ בנימין כ׳בין השלישי מיט די ביינער.
דער זאַק מיט לידער מיינע
שווערער איז שוין פון אַ זאַק מיט שטיינער.
נאָר כ׳וועל דען אים אַראָפּוואַרפן פון אַקסל ? —
כ׳בין גרייט אים טאַסקען איבער קאַטשקעס, דערנער.
אַ ווילדער אָקס זאָל לויפן מיר אַנטקעגן,
מיך אויפצוהויבן אויף די הערנער,
וועל איך זיך מיט מיין אוצר ניט צעשיידן.
איך וועל זיך שוין ניט בייטן און ניט ענדערן.
איין ביטערניש — ניטאָ פאַר וועמען ס׳האַרץ אַראָפּצורייידן.
מיר פעלט אַ ליבער טרייער סענדערל,
איך זאָל אים קענען זאָגן :
נשמה מיינע, סערדצע,
ביסט ווערט, מ׳זאָל צעקושן דיינע גלידער...
קיין כוחות שוין ניטאָ
אַרומצושלעפּן זיך אַליין
מיט מיינע לידער...

☆

פאר נעסיע ציטרין

אנטקעגן מיר אין שטערנדיקער הימל־הייך —
דער אייביקער, דער אומענדלעכער מילך־וועג.
דאָ אויף דער האַרטער ערד
זיך באַמבלט מיר אין מח

בלשון טוביה —
ווו זעצט מען אָפּ דאָס ביסל מילכיקס?
געהאַט האָט טוביה פאַרט
אַ בויבעריק,

און מיך אונטערן הימל נאַכטיקן
מחשבות טרייבערן:
מיט לידער
איז אָנגעפּאַקט מיין „סידאָר"
(אַזוי געהייסן האָט דער קלומעק
ביים סאָלדאַט
אויף דער מלחמה) —
איך בין שוין מיד און מאַט,
אַ, ווען וועט קומען מיין נחמה?...

☆

אַ נאַכט אַזאַ, עס נעמט קיין שלאָף מיך ניט,
אַ מאָדנע קלעמעניש, דאָס האַרץ טוט ווײ,
אין דמיון רוף איך: דיכטער־אָנפאַנגער,
איך בענק אַזוי נאָך דיר, דערפרײ!

מיט אויגן אָפענע, מיט בליק ניט זיכערן
אַ זעכצניאָריקער שטייט אויף מיין שוועל.
איך לויף אַנטקעגן אַ צעוויכערטער
און קוק מיט חידוש און פון פרייד איך קוועל.

ער זאָגט: כ׳וועל לייענען אויף אויסווייניק...
און אַ פאַרציטערטער איך הער.
די קלאַנגען חיותדיק צערוישן זיך,
די ווערטער מונטערן: איך שלינג אַ טרער...

די ווערטער וויגן זיך, ווי ענטעלעך
אַקאָרשט פון סאַזשלקע אַרויס...
דאָס דינע העפטל נעם איך אין די הענט מיינע,
די אותיות — סיי שאַרף, סיי גרויס...

אַ נאַכט אַזאַ, עס נעמט קיין שלאָף מיך ניט.
אַ מאָדנע קלעמעניש, דאָס האַרץ טוט ווײ.
אין דמיון רוף איך: יינגל־אָנפאַנגער,
איך בענק אַזוי נאָך דיר, דערפרײ!

אין אָדעס ביים שוואַרצן ים

נאָך אַזױפיל פּלאָגעניש,
װאָגלעניש און יאָגעניש
פֿרײַנד קײן סך פֿאַרמאָג איך נישט.

אין אָדעס ביים שוואַרצן ים
זוך איך אויף דײַן אַלטע צאַם
און דײַן שטיין אין גאָלדן ראַם.

זומער שוין פֿאַרענדיקט זיך,
צו דײַן קבר כ׳װענדע זיך,
ליבער זײדע מענדעלע.

כ׳קום פֿון װעג אַ שטױביקער
צו דײַן רו דײַן אײביקער,
מיט אַ האַרץ אַ זױבערן.

װי עס זאָל ניט זײַן מיר שװער,
ביסט מײַן טרײסט און מײַן באַגער,
ביסט מײַן שײַנדל און מײַן טרער.

1962

☆

דער מהלך־רב,
וואָס ס'מאַכט די שוואַלב אַרום איר נעסט
אַ יונ־טאָג
אין הייך און נידער,
קען זיין, מיסתם,
ווי פון דעם שוואַרצן ים
ביסקל דעם ווייסן...
אָט דאָס הייסט פאַרן המשך
זאָרגן זיך און פלייסן.
איז וויזשע שענקט מען ניט דער שוואַלב
אַ שאָק מיט לידער?...

ס׳רעדט זיך אַזוי אַ וואָרצל

לעם שטוב אַרויסגעריסן האָט דער שטורעם־ווינט
אַ טאָפּאָל מיטן וואָרצל —
אַ מאַמאָנט־גוף,
אַ מוראַדיקער, קנאָכיקער
מיט גרוילנדיקע בראָדעווקעס,
אַ פּעלדז אַ מאָכיקער
צענויפגעקרעמפּעוועט מיט ערד.
מיט דינע צווייגן־אָדערן
און פּאַסמעס האָריקע,
ווי רערן שוין צעזשאַווערט־ליימיקע
פון וואַסער־לייטונגען
לאַנגיאָריקע...
נאָר ס׳שפּאַרט פון דעם נאָך לעבעדיקן...
וואָרצל־באַרג
און קנויל־געפּלאָנטער
מיט פרישע נערונגס־זאַפט
און חיות
וואָס האָט ביז נעכטן נאָך
געמערט זיין קראַפט,
אַריינגעשטראָמט
אין וועלנטלעך אינעווייניקסטע פון שטאַם,
געיווירט, געשלאָגן
ביז סאַמע שפּיץ פון קרוין
וואָס ער האָט שטאָלץ געטראָגן...
פאַרשטילט ער ליגט אַצינדער
אויסגעצויגן
דער טאָפּאָל — בר־מינן,

צוגעדעקט מיט זיינע צווייגן־בלעטער —
און מיך עס שוידערט אויף די קראַפט
מיט וועלכער ס'האָט דער שטורעם־ווינט
דעם טאַפּאָל־גבר
פון דר'ערד אַרויסגעשמעטערט...

☆

עס הערט מיר ניט אויף אונטער לעפּעלע נאָגן.
איך האַלט אין איין וואַרטן:
אָט וועלן באַלד פייגל — מלאכים פאַרשטעלטע
אין שנאָבלען אין צאַרטע
מיר ברענגען צו טראָגן
אַ צווייגל מיט ליכטיקע בשורות...
דער האַרבסטיקער ווינט וואַרפט אַריין
אַנשטאָט דעם מיר אַ בלאַט אַ פאַרגעלטע
אין פענצטער צעפּראַלטן;
אַ הימל אַ כמורער
אַ קוק אויף מיר גיט
מיט אַ בליק מיט אַ קאַלטן...

☆

ווען כ׳שטיי לעבן ים
צו די שוימיקע כוואַליעס געווענדט,
און איך קוק זיך איין לאַנג,
ווי זיי איילן צום ברעג אָן אָן ענד,
ווייזט זיך פּלוצעם מיר אויס —
מענגעס וועוועריקעס לויפן צו מיר
מיט די גאָמבעלעך שאַרפע פאָרויס,
די עקעלעך זיינען ביי זיי
אויפגעהויבן.
נאָר די חיהלעך ווערן צעפלאָסן, צעשטויבן,
ווען זיי רירן נאָר אָנעט דעם ברעג —
גייען אויס...

☆

כ׳האָב אויף דער יונגער מאַיקער אַקאַציע
(דעם אויגנבליק מיט גאָלד ניט אָפּצושאַצן)
באַמערקט, ווי ס׳זינגט זיין ליד דער סאָלאָוויי:
דאָס שנעבעלע צום הימל-בלוי פאַריסן,
די זיסע טרערן מאַכלדיק זיך גיסן
נשתומס, אַ פאַרציטערטער איך שטיי,
אַ זיפץ האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן.
דאָס פייגעלע ווערט נעלם איינס און-צוויי...
דעם סאָלאָוויי איז פרעמד מיין ווינד-און-וויי...

☆

איך ווייס, ס'איז ריינער אמת,
אַז קיינער וועט פאַר מיר אין קאַלטן וואַסער
קיין האַנט ניט וועלן טונקען —
דעריבער מוז איך מיט מער פרישקייט. יונגקייט
דיביידע רודערס
אין די דלאָניעס מיינע נעמען.
אָ, וויפל וויאָרסטן, מיילן וויפל
עס שטייט נאָך פאָר אין ים
מיין מזל-שיפל...

☆

לייג צו כחות
מער און מער.
ס'ווערט דיר מלאָסנע,
גרויזאַם שווער.
נאָר דעם זאַסטופּ
לאָז ניט אָפּ,
גראָב אין דיין נשמה,
גראָב!
טו אַ נעם אָן
נאָך אַ שיכט.
זיך דערגראָבן
אומגעריכט
וועסטו צו אַ סנאָפּ
מיט שיין...
סטאָפּ! —
דאָס וועט דיין מזל זיין!

אַ שאָד...

ביי דער נאַכט,
ווען אין וואַלד איינגעשטילט ווערט
דער ביימער־געוויש
און די כמאַרעס זיך ערגעץ צעשווימען,
נעם איך כאַפּן פון לויטערן הימל די שטערן,
די ליכטיקע שטערן...
נאָר אַ שאָד, וואָס צו קליין איז מיין קויש
און פאַרחלשט די הענט מיינע ווערן...

☆

וואָס מיר פאַלט שווער
(די ערד כאַטש אַקער מיט דער נאָז),
דיר קומט אָן גרינג,
נו, ווי זאָל איך דיר זאָגן,
ווי אויסצורייכערן אַ פּאַפּיראָס...
וועל איך זיך גאָר מיט דיר ניט זעצן
אין איין וואָגן —
פאַרשיידענע מזלות —
איך וועל, ווי אויפן פראָנט,
אַ הייב געבן פון מיין שינעל די פּאָלעס,
פאַרשטעקן הינטער רימעןביידע שפּיצן,
ס'זאָל לייכטער זיין צו גיין
און כ'זאָל זיך ניט אַזוי פאַרליאַפּען
און פאַרשפּריצן
און זיך אַוועקלאָזן איבערן שליאַך צו־פוס
אַנטקעגן
גוס־רעגן...

☆

כ׳קום אין וואַלד.
ווען עס גייט
און עס שלאָפט אויף די בלעטער און צווייגן
געשמאַק, ווי אַ קינד,
דער יוליקער רוישיקער ווינט.
דאַן כ׳בלאָנקע אַרום צווישן סאָסנעס
אין טויקן גראָז...
דו ווייסט צוליב וואָס? —
אין שטילקייט אין וואַלדישער
מיינע מחשבות כ׳סטאָליר.
די נישטיקע שמוציקע שטויבעלעך
ווערן זיך אָפּ
און זויבער און ליכטיק אין קאָפּ
ווערט ביי מיר.

כ׳שטיי ביי דעם ווייסן ווינטער־פעלד.
איך קוק אויף זיין קלאָרער פוכקער פּערענע...
איך לייקן ניט: באמת, מיר געפעלט,
וואָס כ׳ליג ניט אונטער איר,
ווי אַ פאַרוועלקטער בלאַט,
נאָר האָווע נאָך עד היום, ווי אַ שפּערעלע.
געווען אין שלאַכט בין איך אַן ערלעכער סאָלדאַט,
געזשומעט האָבן קוילן אַרום מיר,
ווי בינען.
איז קאָן איך מיר אַ קאַפּעלע פאַרגינען
ביים ווייסן ווינטער־פעלד צו שטיין
און טראַכטן וועגן מענטשלעכן געביין.

סיידן...

אַ נשמה איז דיר ניט קיין גאַניקל
איבער וועלכן קאָנסט אַרויסלויפן
און גלייך צוריק אַריינלויפן אין הויז.
כ׳ווייס, עס גייט דיר, ממש, די נשמה אויס,
וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך, ווייסן...
האָב איך עס אַזוי פאַרשרויפט,
פאַרהאַקט, פאַרפרענטעט,
אַז פון מיר אַליין שוין ניט געווענדט איז מער
סיידן, די זאַוועסעס כ׳וואָלט מיט גוואַלד
אַראָפּגעריסן...

☆

בעת איך בין נאָך געווען
אַ בחורל אַ קוטשעראַווער
און מיט משה־לייבס
„גאָלדענער פּאַווע"
זיך אַרומגעטראָגן,
האָט מיך אַ צווייטער יידישער דיכטער
עזרא פינינבערג געלערנט:
— פּאַרהיט דיין קערן,
פאַר אים זיי גרייט זיך שלאָגן
און ווייך דער עיקר פון די חכמעטשקעס,
די נישטיקע און ביליקע,
פון פּיפּיקע קאַטאַוועסלעך
די סם־המוותע,
זיי קענען דיר דיין זינען און דיין האַרץ
צעפרעסן און פאַרטיליקן.
אַ נוס אַ ווערעמדיקע,
אַן אויסגעהוילטע
צעשרפּעט איז,
פאַרקוילט.
און נאָך האָט עזרא מיך געלערנט,
געוואָרנט ערנסט:
באַטראַכט קיין מענטשן ניט
פון קאָפּ ביסקל די פּיס
און שמיי־כע־לע ניט זים...

☆

אַ צוויי־דריי ווערטער יידישע
און איך דערמאָן מיין העלע קינדהייט ווידער:
די מאַמע שטעלט אַ דרומל וואַסער
אויפן דרייפוס אויפצווזידן.
זי וועט אונדז באַלד אין בלויער שיסל
די קעפּ מיט אימפּעט צוואָגן.
און נאָך דעם צו די בעטלעך
מילך מיט ברוינער פּלעווקע
אין קריגעלעך אין שיינע אונטערטראָגן.

☆

כ'האָב אָנגעזען זיך אויף מיין וועלט געגוג,
כ'האָב פיינט די פליטערלעך,
כ'האָב ליב אַלץ שוואַרץ אויף ווייס.
מיט שווערע שלאַכטן כ'האָב פאַרסירט דעם בוג,
די ווייסלע אין יאַנוואַר איבערן אייז
און אינעם ליכטיקן אַפּריל — דעם אָדער.
זיך אויסגעקאָכט אין, אָן אַ גוזמא,
פייערן און טויטן.
און דאָך, נאָך אַלעמען,
כ'בין הינטערשטעליק פון דער מאָדע:
אַ וועלכן שניפּס, אַ העלן, צי אַ גרינעם,
צי אַ רויטן
איך באַדאַרף היינט אָנטאָן
אויף מיין אויבער־העמד —
און כ'פּיל זיך אויף דער חתונה,
ווי אַפּגעפּרעמדט...

1968

☆

ניט סטראַשע מיך, די יאָרן מיר ניט צייל,
אין האַרצן מיינעם כ'וואָרעם נאָך אַ קאָזיר:
באַהאַלטן זיך, פאַרשטעקן אין אַ הייל
מיט גליענדיקע אויגן פון אַ נזיר
און ווערטער שאַרפן, שלייפן אָן אַן ענד,
ווי מיט מיין מאַמעס אויסגעהאָרעוועטע הענט.

☆

די סטעזשקעס פֿאַרשאָטן מיט האַרבסטיקע בלעטער
איך בלאָנקע אַרום און כ׳געפֿין זיך קיין אָרט,
וואָלט קומען אַן אייגענער מענטש מיך אַ בעט טאָן:
— אַנו, לאָמיך הערן אַ יידיש וואָרט.
איך בין שוין געוווינט צו די אייזערנע שפּליטערס,
וואָס כ׳טראָג פֿונעם קריג אין מיין פֿלייש און געביין,
נאָר ס׳טרעפֿט מיט אַמאָל ווערט מיר ווייטיקלעך־ביטער,
וואָס איך בין אַצינד שוין אַ שפּליטער אַליין.
און ס׳דוכט, צווישן פֿינגער נעמט טאַקע און פֿליסן
דאָס זשמענקעלע ליכטיקע דינינקע זאַמד...
איך ווייס ניט צי ס׳וועט גאָר מיין אייניקל וויסן
אַפֿילו פֿון וועמען ער שטאַמט...

1963

☆

א שיינע גבורה האָט געשטעקט
אין דער שפּרינצען.
יצחק לייבוש פּרץ

ביי מיין לשון גייען אוים די כוחות,
היילונגס-גראָזן אומרויק איך זוך.
אומבאַהאָלפן בלייך עס טוט אַ שמייכל —
אַ ראַטונעק קריג איך ווו? אַ שפּרוך?
סאָכניען די קאָלירן און די טענער,
פּונקט ווי שפּרינצע דעם משולחם ווייב.
טאָג נאָך טאָג ווערט געלער, קלענער.
אוי, מיין יידיש לשון, לעבן בלייב!
פּאַזעמקעס כ'וועל ברענגען אין אַ קאָשעק
קוואַלן-וואַסער לויטער, ווי קרישטאָל,
כ'וועל דיך שפּייזן, פּויען מאַמע-לשון,
ווי דאָס לעבן איז מיר ליב דיין קול...

ביי מיין לשון גייען אוים די כוחות
היילונגס-גראָזן אומרויק איך זוך.
אומבאַהאָלפן בלייך עס טוט אַ שמייכל,
אַ ראַטונעק קריג איך ווו? אַ שפּרוך?...

☆

א טרוים אַ ליכטיק־טרויעריקער
מיין זינגען האָט באַהעלט:
כ׳בין דורכגעפאָרן בויערקע,
נאָר זיך ניט אָפּגעשטעלט.
געזען דעם וואַלד פון וייטן נאָר,
דעם אַלט־געדיכטן וואַלד
און פאַר מיין בליק געלייטערט זיך
האָט טוביהס ליב געשטאַלט...

ביי דיין ליכטיקן טיש

מיין טייערער שלום־עליכם,
אַן איידעמל בין איך אויף קעסט
ביי דיין ליכטיקן טיש.
און אויב מיט אַ וואָרט ווען
די אַלטינקע לעזער כ׳דערפריש,
איז ווייל אומפאַרשעמט מיט די ביידע ידים
פון אוצרות פון דיינע איך שעפּ,
ברייטהאַרציקער שלום־עליכם,
מיט דיר בלויז איך אָטעם
און לעב.

א דאַנק, קוקאַווקעלע

☆

די פיינע ווינטער-העטשיקלעך די נייע פּאָר,
וואָס מיר געקויפט האָסט, זיינען ביידע לינקע.
נאָר זאָל עס דיר מיין טויב, ניט קימערן קיין האָר,
אַבי עס איז מיר ליבלעך-וואַרעם אין די פינגער.
ס׳וועט קיינער סיי ווי ניט באַמערקן דעם חסרון,
אין דעם הו-האַ פון רוישיק-יאָגנדיקע יאָרן,
ווו יעדער איז מיט זיך אַליין פאַרדרייט, פאַרקלאַפּט,
ווען איך וואָלט אויף מיין קאָפּ אַ טאָפּ אַרויפגעכאַפּט,
צי שטיוול אויף די הענט כ׳וואָלט אָנגעצויגן,
וואָלט אפשר דאַן דאָס עמעצן זיך וואַרפן אין די אויגן...

1963

☆

דיינע שפּורן פון די טריט
אין וואַלד, אויף קלאָרן שניי,
זעען אויס אַזוי ווי פרישע קוויטן.
כ׳סטאַרע זיך ניט צו אַרויפטרעטן אויף זיי
מיט מיין טראָט מיין לעפיש-ברייטן.
ס׳שיט אַ ליכטיק שנייעלע און שיט.
כ.גיי דיר נאָך געהיט
און קוש מיט מיינע אויגן
דיינע קליינע שיינע טריט...

☆

ס'צעשיטן זיך אין וואַלד
אין אַלע ווינקעלעך
און עקן —
אַזויפיל זונען-פלעקן!
דערמאָן איך זיך
דיין ליבן פּנים
מיט זומערשפּרענקעלעך באַשאָטן.
געדענק איך לויפן פלעגסט
פון זון אין שאָטן...
און איך האָב דאַן געמיינט,
דו וויכסט פון מיר...
כ'האָב ליב דעם וואַלד
מיט זונען-פלעקן אָן אַ שיעור.

1973

☆

אין די ווינקלדיקע
ווילד-צעפלויגענע ברעמען דיינע
איז עפּעס פויגלשעס אַזוינס פאַראַן,
וואָס ברומען,
וואָרקען
נעמט אין מיר מיין האַרץ פון תענוג
און ס'ציט צו דיר
און אָפּטרעטן פון דיר איך קאָן ניט
אויף קיין שפּאַן.

☆

עס קלאַפּט דאָס בלוט אין האַרצן —
שטומס נאָך שטומס
און ממש די נשמה פאַלט מיר שיעור אַרויס,
ביז איך דערלעב דיין קול דערהערן...
איך טוליע זיך צו דיר...
און איידער נאָך פאַרלאָזסט מיין הויז
שוין נאָגט אויפסניי מיין האַרץ,
צי מאָרגן וועסט אין דער באַשטימטער שעה
צו מיר זיך קערן...

☆

איי, האָסטו געקענט פאַרשאַרן און פאַרשיטן
דיין ווייסן גלי, דיין זשאַר
אין סאַמע ווייטסטן ווינקעלע פון דיין נשמה,
עס זאָל זיך לאַנג אונטערן אַש פאַרהיטן
דיין פּריסיק דער פאַרטייעטער, דיין גלוט.
איז מיר מיט דיר דערפאַר
געוועזן תמיד גוט...

☆

געטשאַטעוועט כ׳האָב און געקוקט יעדן טאָג
דורך מיין אָפענעם פענצטער —
דער בריוו־טרעגער טראָגט שוין
מיין בריוו צו איר טיר.
כ׳האָב דאָן ניט געטראַכט וועגן דעם —
זי צערייסט זיי, פאַרברענט זיי,
באַווייזט זיי די חברטעס, חוזקט פון מיר?
אַ כוח אַ בלינדער,
אַ שוואַכקייט אַ זיסע,
פלעגט יעדן פרימאָרגן מיך טרייבן
איר ווידער צו שרייבן. און שרייבן —
איך האָב ניט געהאָפט שוין אין גאַנצן
אַן ענטפער דערוואַרטן,
נאָר אַלץ זיך געצויגן צו איר
מיט אַ וואָרט מיט אַ צאַרטן.
כ׳בין מערער ווי זיכער,
מיין ווילדער שגעון
פון בריוו איר צו שיקן אין שכנישן הויז,
האָט בלויז
געוועקט ביי איר שנאה צו מיר

און בזיון...

☆

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פֿון דעריין —
ביים ים אַ שפּיל געטאָן מיט מיר אין שטיינדלעך,
באַוויזן מיר די קלאָרע פּערלציינדלעך:
אוי, לעכערדיקע הענט, אוי, קוקט זיך איין, —
און לאַכט פֿון מיר און חוזקט אויפֿן קול,
די שטיינדלעך צווישן פֿינגער זיך צעלויפֿן —
און זי טוט קונציק אַלע מיט אַ מאָל
אַ שאַר צונויף מיט קליינער האַנט אין הויפֿן.
אַזוי האָט זי גענומען מיך אין קלעם.
איך גיי איר נאָך, איך בין איר צווייטער שאָטן,
איך שפּיל שוין גוט אין שטיינדלעך, ברוך־השם,
זי האָט מיט זיי צו זיך מיך צוגעזאָטן.

☆

ווען ס'וואָלט פֿון דער נשמה זיין געווענדט,
וואָלט איך דיך, ווי אַ פֿעדער, לייכט
אַ כאַפּ געטאָן אויף מיינע הענט
און אויפֿגעהויבן הויך
אונטערן סאַמע הימל,
דו זאָלסט זיך אויסקלייבן
דאָס טעלערל דאָס רייכסטע
מיטן שענסטן בלימל.
און וואָלסט זיצן אויף מיין אַקסל,
מיך אונטערטרייבן לוסטיק־גלאַנציק:
— טראָג מיך, טראָג מיך,
ווי מיין מאַמע בראָנציק.

היינט ווי פאַרשטייט מען עס?

מיין סאַניען

ווען מיט אַ מאָל האָט אָנגעהויבן רעגענען,
האָב איך געוואָלט אונטער דיין שירעם
צו דיר זיך פעסט דערנענטערן,
האָסטו אַרויסגעשטעלט מיר שאַרף
דיין עלנבויגן,
פונקט ווי מיר זיינען קיין באַקענטע ניט,
באַמיט פון מיר זיך צו דערווייטערן...
נאָר ווען ס׳האָט זיך גענומען לייטערן,
אַ שיין געטאָן אַ רעגנבויגן,
האָסטו מיט דיין אָנטבלויזטן אַקסל
גאָר נאָנט צו מיר זיך אָנגעבויגן
און מיט די טויזנט דיינע שדימלעך
אַריינגעקוקט מיר פריילעך אין די אויגן...
היינט ווי פאַרשטייט מען עס?...

✡

מיין כעסניצע, אָנגעכאַפּטע שוועבעלע,
מיין תמיד העלער פייער אונטער האַנט...
ערגער, כ׳לעבן איז,
אַ נאַסע שייטל האָלץ,
וואָס שיפּעט, כליפּעט נאָכאַנאַנד
און זיך צעפלאַקערט ניט,
כאָטש פּלאַץ.
און דיך, מיין כעסניצע,
אָנגעכאַפּטע שוועבעלע,
איך לויב און שאַץ!

ווייסט אפשר מיין גאָלד

כ׳האָב מיר אין קאָפּ פאַרצייכנט,
ביי דיר עפּעס צו פרעגן,
נאָר אָנגעקומען ביסטו מיר אַנטקעגן,
פאַרגעסן האָב איך פּלוצעם וועגן וואָס.
איך האָב געדרייט אַ הער־אַהין
מיין זינען, ווי אַ שלאָס,
געריעט זיך אין מיין מחשבות־הויפן
און ניט געקאָנט פאַטיאַפּען, בשום אופן,
וואָס פרעגן כ׳האָב ביי דיר געוואָלט.
צעשמייכל איך זיך: ווייסט אפשר, מיין גאָלד?...

☆

איך וויל צו דיר קומען,
דיין פירשט וויל איך זיין,
כדי פון דיין שיכעלע
אויסטרינקען וויין.
און נאָך דעם אַ קוש טאָן
פון בעכער די זויל
און קוקן פאַרטרוימט
אויף דיין קליינינקן מויל...

☆

אַז צווישן מענטשן שעם איך זיך,
און נאָך דעם בענק איך, קלעם איך זיך...
ווען זיין כ׳וואָלט צווישן טויבן —
צעפּלאַטערט און צעשויבערט,
פון סאַמע אינדערפרי,
שוין נאָכגיין וואָלט איך זי;
ניט אָפּטרעטן, אַרומפּאַדזיען,
אַ שפּרינגל טאָן, אַ טופּע טאָן
און וואָרקען, ברומען צאַרט,
זי רופן איינגעשפּאַרט,
זיך פּעדערן און צירן,
לעם זיך פאַרויס זי פירן
מיט וואַזשנעקייט, דערהויבן...

ווען זיין כ׳וואָלט צווישן טויבן,
פון סאַמע אינדערפרי
האָלובען וואָלט איך זי.
נאָר צווישן מענטשן שעם איך זיך,
און נאָך דעם בענק איך, קלעם איך זיך...

ביים ים

זי האַלט אַראָפּגעלאָזט
די שיינע אויגן-לעפּלעך
און ער, ער גייט איר נאָך
און קלייבט איר מויער-קעפּלעך.
פּאַרטייעט, שטילערהייט,
זי הערט ניט אויף צו קוקן,
מיט ווייפל פליים און פרייד
ער בויגט צום זאַמד דעם רוקן...

☆

איך בין געשטאַנען און געשוויגן,
אין דמיון זיך צו אים געווענדט
אויף דו, ווי כ'וואָלט אים לאַנג געקענט:
„פאַרשטעל ניט, מענטש, דעם גאַנצן שפּיגל,
אַ קאַפּעטשקע זיך טו אַ רוק,
כ'וויל גיכער טאָן אויף זיך אַ קוק,
ווי אויסגעזען כ'האָב אין דער רגע...
מיר האָבן נאָר וואָס זיך באַגעגנט,
צי בין איך איר געווען געפעלן?"
ער האָט מיך פאַרגעזעצט פאַרשטעלן...
מיט ברייטע אַקסלען, הויך, געזונט,
מיושבדיק צעפירט דעם שרונט...
„פאַרנעם ניט, מענטש, דעם גאַנצן שפּיגל" —
בין איך געשטאַנען און געשוויגן...

מזל און חן...

איך מיין,
דאָס וואָלט צו דיר פאַמעלעכקע דערגיין —
אַנטקעגן דיין צוקאָפּנס
מיט פעדעם זיידענע כ׳וואָלט אויסגעהאַפּט
מיט קלאָרן פּערלדיקן, כּתב
אַריינגענומען אין אַ פיינעם רעמל
מיין מאַמעס שפּריכוואָרט:
„מזל און חן
קויפט מען ניט אין קיין קרעמל"...

☆

גייען מיר.
איך שעפּטשע,
זשוזשע:
וויזשע זיין וועט?
ווען־זשע?
ווו־זשע?
שמייכלט זי:
— נו, לאָז
צורו־זשע,
— ווידער
ווי־זשע,
ווען־זשע,
ווו־זשע.... —
דאָ ביי דער בעריאָזע, —
כ׳זשוזשע.

לאַכט זי:
— נאָר אין באַק
מיך קוש־זשע...
כ׳קוש זי,
כ׳האַלדז זי,
גאַף פון פרייד,
זשוזשע,
ווי אַ בין
אין קווייט...

און דאָך...

מיין ליבסטע,
זאָגט עפּעס דאָס פאָלק,
איז עס אויסגעהאַמערט, אויסגעגאָסן —
חתן־כלה
און ניט — כלה־חתן.
אין שפּיץ — דער מאַנספּאַרשוין.
און דאָך ביסטו מיין דימענט און מיין קרוין
און גרייט בין איך
אָן קיין שום קווענקעלע,
דאָ אויף דער ערד צו זיין
ביי דיר
דיין פוס־בענקעלע.

☆

דאַרפסט זיך גאָר ניט קווענקלען,
קום, נשמה מיינע,
צוקלייבן פאַר דיר
אַ זומער־הוט אַ פיינע.
ווייל דיין צאַרטן פנים
ווייס איך אויסגעצייכנט,
צו די פולע ליפּן
און דיין שטילן שמייכל,
צו דיין קאָפּ דעם בלאָנדן
און דיין שיינעם קין,
צופּאַסן אַ הוט דיר,
מיר דעם נחת גין.
כ'גיי נאָך דיינע טריט אויס,
מעגסטו מיר געטרויען.
זיין וועסט אין דער הוט
די ליבסטע פון די פרויען.
דאַרפסט זיך גאָרניט קווענקלען,
קום, נשמה מיינע,
צוקלייבן פאַר דיר
אַ זומער־הוט אַ פיינע.

☆

דו זוכסט זיך ניט קיין פריינד
פון גראַד פון העכערן;
דו ביסט ניט סתם אַזוי זיך
אַ פאַרשפּרעכערן.
און זאָגסטו עפּעס צו,
ביסטו ניט קיין פאַרגעסערן.
נאָר מער פון אַלץ כ׳האָב ליב, ווען דו
אויף מיין גוטמאָרגן ווינטשסטו —
נאָך אַ בעסערן!

לעם דער ראַבינע דער פייערדיקער

ווען אין אווגוסט אָוונט
פון דיין טויער־פּאָרטקע
קומסט אַרויס
און שטעלסט זיך לעבן דער ראַבינע
דער פייערדיקער
אין דיין נייער טונקל־רויטער קלייד,
בין איך,
ווי דער קונצנמאַכער זיינע סטענגעס,
דיך דערשלינגען גרייט
פון ליבשאַפט.

אַ דאַנק, קוקאַווקעלע...

איך הער אין וואַלד דיין שטאַרקן ווידערקול
און זאַפּ אים איין מיט אַלע מיינע חושים.
ווי קרייזן זיך צעגייען אַן אַ צאָל
די קלאַנגען. כ׳בין זיי גרייט צעקושן,
מיט פולן אָטעם שריי איך אויס: אַ־או...
און לויף צו דיר, איך וועל דיך באַלד געפינען.
ווי חיותדיק עס איז אין וואַלד די רו
און קלייבן פּאָזעמקעס מיט דיר באַגינען.
מיר קלייבן שוין אוודאי אַ שעה דריי.
ס׳איז אָבער ווייניקלעך אין אונדזער קאָשעק,
ווייל איינס דעם צווייטן זוכן מיר אויפסניי.
נאָר ס׳מאַכט ניט אויס, דער טאָג איז לאַנג, נישקשה.
אָט גיט אַ פינקל אין דיין ווייסער האַנט
אַ גרויסע פּאָזעמקע, ווי אַ טריסקאַווקע.
מיר עסן זי בשותפות זאַלביינאַנד,
איז שלאָגט אונדז פלוצעם איבער די קוקאַווקע.
מיר נעמען ביידע ציילן. כ׳זאָג צו דיר:
נאָך יעדער „קו־קו״, כ׳וועל אַ קוש דיר געבן,
און אויף מיין מזל „קו־קו״ אָן אַ שיעור
אַ דאַנק, קוקאַווקעלע,
אַ דאַנק, מיין לעבן!

☆

אויך היינט זיינען ליב מיר
די פשוטע ווערטער
וואָס איך האָב געדרוימט אין דער שטיל
מיין באַשערטער.
און כ׳זע נאָך ביז איצטער
די שיין פון די אויגן
די ליפּן וואָס האָבן
צו מיר זיך געצויגן.

כ׳האָב ניט געוואַגט...

כ׳האָב ניט געוואַגט דיר נאָכצוקוקן מער,
נאָר דאָך האָב איך געטאָן מיין קאָפּ אַ קער —
זען דיינע שטייפע און געטאַקטע גלידער.
ווי גוט דער כוואַליע איז — זי קושט דיך ווידער.
ס׳איז גוט דער זון. זי קושט דיך פלאַמיק אויס,
ווען גלאַנציק־פּייכט פון ים גייסטו אַרויס.
פיל בעסער, ווי זיי ביידן, איז אַ דריטן,
וואָס וואַרט אויף דיר ביים ים אויף זאַמד צעגליטן,
און טרייסלט אויס די שטיינדלעך פון דיין שיכל,
און נעמט אין האַנט דיין האַנטעך און דיין ביכל.

☆

מיין אַראָפּ באַרג
איז גאָרניט פון יאַריד
איך לויף פון באַרג אַראָפּ
פונקט, ווי אַ לוסטיק לאָשיקל
און טראָג אַ פולן קאָשיקל
מיט לויטערן געמיט
אַהין, צום גרינעם טאָל,
ווו כ׳הער שוין נאָנט דיין קול
און זע דיין אויגן־שפּיל,
דעם אָטעם דיינעם כ׳פיל,
דיין טרייסטשאַפט און דיין גלוט.
פון באַרג אַראָפּ איז גוט.

אַצינד,
אַז כ׳קוק זיך איין

✫

אין שעהן פון געפאַר,
דעם קאָפּ אין זאַמד ניט שטעק,
דעם פיינט, ניט ווייז, דו נאַר,
דיין אויסגעצופּטן עק.
אין שעהן פון געפאַר
אַנטקעגן פיינט אַנטבלויזט
אין גאָרגל זיינעם שפּאַר
דיין אויפגעביילטן פויסט...

✫

כ׳פאַרהענג ביי דער נאַכט ניט
די פענצטער מיט שטאָרן,
ניט גיין זאָל קיין פּיצעלע
העלקייט פאַרלאָרן,
פון טונקעלער בלויקייט
איין שפּרענקל און סימן
און כ׳דאַרף שוין ניט טאַפּן
די ווענט פון מיין צימער.
מיין בליק כאַפּט נאָך אויפעט
אַ פּאַסיקל בלייכקייט,
פון טאָגליכט אַ צאַנקענדע
ליבלעכע ווייכקייט...
איך וויל פון דער וועלט זיך
מיט גאָרנישט פאַרשטעלן.
פון קינסטלעכער חשכות
נעמט אָטעם מיר פעלן.
די ווענט כ׳וואָלט צעשפּאַרט,

כ׳זאָל דעם הימל דערפילן,
די נאַכט די נאַטירלעכע
זאָל מיך פאַרהילן.
מעג זיין אַ שטאָקפינצטערע —
ניט קיין סכנה.
אַ שיין טאָן קאָן פלוצעם אויף מיר
די לבנה.
צי ראַפּטאָם אַ שטערנדל
ווערט זיך צעשיטן,
מיט יונגקייט מיר אָנצינדן
מיינע געבליטן.

☆

ס׳איז אפשר נאַריש פון מיין זייט,
נאָר ס׳טרעפט,
אַז כוויל די צייט
זאָל אין מיין העפט ניט קוקן,
מיך מעשה-באַלעבאָס ניט אונטעראיילן,
דעם טיש-זייגער איך קער צו זיך אוים מיטן רוקן:
זאָל טראָגן זיך די ערד
און יאָגן, שלינגען מיילן...
מיין בליק עס שטערן ניט
דעם זייגערס שליסלען, שרויפן
און זאָלן פאַר דער וועלט
די ווייזערס זיינע לויפן...

☆

אין אַלצדינג זיין געענגט.
ס׳מוז שטענדיק עפּעס פעלן
און ס׳נאַגט דאָס האַרץ און בענקט
און דאָס איז מיר געפעלן...

די וועלט

I

די וועלט איז דאָך נישט קיין מאַנעקען
וואָס פאַרקאַמען מען קען
און מאַכן אַ גלאַטן און גלאַנציקן שרונט ;
די וועלט וועט אייביק אַרומגיין
מיט אַ פרישער אָפענער וווּנד
און לאַכן :
— ס׳ט פאַרוואַקסן מיט יונגן פלייש,
ווי אויף אַ הונט.

II

די וועלט
איז אויסן אויג —
אַ שוחט :
אין ווינקל מויל דער חלף-שטיל —
מיט שטייגן עופות האַרט אַרומגעשטעלט.
אַ ציי פון שטייג אַ הינדל
(דאָס נעבעכל איז שטיל...)
דאָס קעפּעלע אַ קער, צוויי הערעלעך אַ צופּ
און כיק...

און מיטן עק אַרויף אין בלוט-געפּעם אַ שטופּ
און שטייג נאָך שטייג זיך רודערט — אַן אַנטיק,
דער חלף אינעם מויל.
די וועלט איז גאָרניט פויל...

☆

אוי, היפּער איבער
די מורעשקע אין וועג,
עס שטייען איצט
אַזעלכע שיינע טעג.
זי וויל, ווי דו
געניסן פון דער שיין.
אוי, טשעפּע זי ניט, מערדער,
האַלט זיך איין...

ביי מיין שכן

ביי מיין שכן
זיינען די קוקערס
מיט בייזקייט פאַרשטאָכן.
ביי אים ברענט,
ביי אים קאָכט אַזש די יוכע
אויף מיין ברעקעלע
מקום-מנוחה...

יוני 1967

☆

אויך איצט, ווען כ׳נעם
אין האַנט דאָס לעבל ברויט,
איך שנייד די לוסטע אָפּ ניט גלייך,
נאָר קרום־פּאַרדרייט.
און כ׳טאַדל זיך אַליין —
אַ שלאַק כ׳בין, שעבעשלאַק.
צי שטאַמט עס ניט פון דעם,
וואָס קליינערהייט
אין שטוב ביי אונדז
געהערט כ׳האָב תמיד:
„ער וועט שלעכט אָפּשניידן,"
„ער וועט האָבן אַ מיאוסן אָפּשניט"
איז האָב איך עס דערפאַר דעם פּסק...

☆

איך ווייס ניט צי דאָס וועט דיר זיין געפעלן,
ביי מיר איז רעכט פאַר דיר אַ סוכה שטעלן,
מיט גרינעם פרישן סכך זי צו באַדעקן,
כדי ביי דיר אין האַרצן גוטס דערוועקן.
כ׳וואָלט אין דער סוכה אויפגעהאַנגען
אַ מנורה פון קאַשטאַנעס
און גענומען כיבוד דיר דערלאַנגען —
אַלץ וואָס ס׳טוט דיין האַרץ פאַרלאַנגען.
הויך איבער אונדז וואָלט דער קאַשטאַנען־הענג־לאָמפּ
היימיש ליכטיק בליצן.

און דאָס איז בלויז נאָר צוליב דעם,
איך זאָל דיר קענען זאָגן:
זײַ אַ מענטש,
ווען דו וועסט אין סוכּה זיצן...

☆

אַ שמייכל דיר געטאָן אַנומלט,
מײַנסטו, ניט אַנדערש, צו דײַן רומל,
ווי באַלד נאָר איך וועל דיך דערזען,
באַדאַרף איך דיר אַנטקעגן קומען
מיט צוגעגרייטן לאַקריץ־שמייכל,
ווי אין וויטרינע בײַ דעם מאַנעקען —
און ווי, אַז אין דער רגע גראָד
מחשבות שווערע מיך באַפאַלן
און יאָגן מיך אַרום אין ראָד,
פּונקט ווי מע טרײַבט אין צירק
די אויסדרעסירטע פערד
מיט בײַטשן־קנאַלן?...

און מיר איז מיינס אין קאָפּ

איך גיי מיט דיר אין גאַס
און מאַך דעם אָנשטעל כלומרשט,
איך הער דיך אויפמערקזאַם,
זיך דרייט דערביי אין זינען מיר
מיין לעבנס-טאַ-ראַ-ראַם.
און אַט, אָט שפּאַס,
איך שטעל זיך פּלוצעם אָפּ
און סטאַרע זיך אין דיינע רייד אַריינצודרינגען.
נאָר סיוווי די רעיונות מיינע אַלץ פאַרטויבן
און פאַרקלינגען —
האָפּ האָפּ
און מיר איז מיינס אין קאָפּ...

☆

פאַר ישראל עמיאָט

אַ גאַנצן לעבן
רק עס קאָסט מיך רבי-געלט.
נו, זיי אַ העלד,
ס'זאָל דיך קיין רבי-געלט ניט קאָסטן.
ניט תמיד גייט מען
מיטן גלייכן וועג דעם פּראָסטן.
דו ווייסט דען,
וואָס דערוואַרט דיך
הינטער ראָג? —
אַ וואַסער טייוול
און אַ וועלכע פּלאָג?

☆

פאַר די פיר אָפּגעקומענע יאָר אינעם קריג,
כ׳האָב זיך אָנגעזען איבערגענוג
ווי ס׳האָט מענטשלעך בלוט זיך געגאָסן,
איז פאַרוואָס,
ווען ס׳באַמערקט איצט מיין בליק
צווישן בוימער אין וואַלד
ווי אַ פויגל פאַלט
אונטערגעשאָסן,
בלייבט ליגן אין גראָז,
דער האַלדז צעריסן פון שרויט,
נעמט שווינדלען פאַר מיר אין די אויגן
דער טויט?

☆

גאָר ניט קיין סך,
ס׳איז דורך אַ צוויי־דריי יאָר,
מיר האָבן זיך באַגעגנט אומדערוואַרט,
געוואָרן איז באַשיימפּערלעך מיר קלאָר —
כ׳האָב היפּש געעלטערט זיך,
דאָס פּנים אויסגעבלייכט, צעדאַרט...
כ׳האָב דאָס דערזען לויט דעם,
ווי ס׳האָט די זעלבע צייט דעם חבר מיינעם
טריב פאַרענדערט.
אַ שפּיגל סאַמע ריכטיקער,
וואָס נאַרט ניט און פאַרבלענדט ניט,

טאָג איין, טאָג אויס,
אויף טריט און שריט
אויף זיך אַליין באַמערקט מען
גאָרנישט ניט...

אַ ביסל דיכטערישע זעלבסטקריטיק

די פּוסטע שבחים הער איך שוין
אַצינדער, ווי דעם קאַטער.
איך בלעטער מיינס אַ ספרל
די גריים פון אַ טל ומטר...
וואָס קירצער איז, אַלץ בעסער גראָד,
ניט דאָס איז דער חסרון:
מיין וועג געמאָלט כ'האָב שפּיגל־גלאַט,
ווי לאַשעקלעך — די יאָרן.
פאַר בושה ברענט מיין פּנים איצט —
קיין שטיינדל ניט, קיין דאָרן...
געקייקלט האָט מיין דראַשקע זיך
אויף גלאַנציקע רעסאָרן.
און אַלץ איז ראָז — דער וואַלד, דאָס גראָז,
אַ שפּילכל יעדער מייל איז.
געוואַקסן איז טאָג־איין,
טאָג־אויס
מיין קעלבערנע התפּעלות.
אַצינדער, אַז איך קוק זיך איין,
פאַרשעם איך מיך דעריבער —
געוועזן אויף מיין שליאַך דורכווס
קאַלדאַבינעס און גריבער.

1965

מיין מאַמעס אָנבליק

כ׳האָב ליב צו זיצן, ווי פאַרגליווערט, שעהנווייז אַליין
אין שטילן ווינקעלע אין גרינעם.
דערפיל איך מיט אַ מאָל אויף זיך, ווי אויסגעהאַקט
פון שטיין

מיין מאַמעס שטומען אָנבליק און איר מינע
פון זאָרג און האָרעוואַניע פריהלושעט.
כ׳געדענק ניט, אַז מיין מאַמע זאָל מיך ווען אַ קוש טאָן.
געבליבן מיט פיר קינדער אַן אלמנה.
לויט דעם, ווי ס׳נאָגט און ס׳טוט מיר ווײ
מיין האַרץ אַצינדער,
פאַרשטײ איך — תמיד איז געווען מיין מאַמע אין סכנה
פאַר אירע קינדער...

אייער אָרנטלעכע שטילע שײַן...

פֿאַרבליבן איז מיר דאָס באַדאַכטן און באַרעכענען.
אין דמיון האַלט איך אַלץ אין מײַנע הענט
מײַן, ווי אַ רעשעטע, שינעל צעלעכערטע
מיט וועלכע כ׳בין דערגאַנגען
צו בערלינער ווענט.
...איך נעם אַראָפּ פֿון יעדן פֿעלד־פּאַגאָן
די דרײַ באַליבטע אָפֿיצירן־שטערנדלעך
און פֿרייד און טרויער שוועבט אין האַרצן אָן:
איר וועט צו מיר אויף מײַנע אַקסלען מער ניט קערן זיך,
די הייסע שלאַכטן זײַנען לאַנג פֿאַרבײַ,
מיר זײַנען איינס דעם אַנדערן געווען געטרײַ,
באַשערט צו בלײַבן לעבן איז געווען מיר דאָן,
אַצינד כ׳בין אַלט און טויג שוין ניט אין שפּאָן.
טאָ פֿליט פֿון מיר צו ווײַטע הימלען, טײַערע,
צו ברידער־שטערן, שוועסטער־שטערן אײַערע,
מיט זיי אין איין משפּחה וועט איר זײַן.
און איך וועל תּמיד פֿון דער ערד
דערקאָנען אין די הימלען
אײַער אָרנטלעכע שטילע שײַן...

ניט צו פֿאַרזינדיקן

איך מונטער זיך:
ניט צו פֿאַרזינדיקן,
דו זעסט נאָך דייטלעך
אַרום זיך די וועלט. —
נאָר ווי עס הייבט אָן פּלוצעם
פֿאַר די אויגן שווינדלען שוין
און ס׳וואַקלט מיך,
דער בליק זיך שמעלט,
איז דוכט מיר,
כ׳האָב דעם לעצטן טראָט געשטעלט.
ווי באַלד אָבער פֿון מיר
די מלאָסנקייט טרעט אָפּ,
אָ, ס׳קאָצל קומט,
כ׳הייב ווידער האָפֿערדיק
מיין קאָפּ.

☆

פאַרביי בית עולם ווינטער
איך גיי און הער און קוק.
דער פּיקהעלץ אויף דער סאָסנע —
טוק־טוק, טוק־טוק, טוק־טוק.
אין ווייסער אָוונט־שטילקייט
מיין הארץ מיר טרוי׳ריק זאָגט:
אַט פּונקט אַזוי מיט טשוועקעס
אַ טרונע מע פאַרשלאָגט.
דער פּיקהעלץ אויף דער סאָסנע
צי נאַריש איז, צי קלוג,
נאָר ווייסט ניט פון קיין פּחדים
און קלאַפּט — טוק־טוק, טוק־טוק...

1968

☆

...ער ווינקט צו מיר אַ שטומער,
ווי אַ שלייען:
— „דו גרייט זיך, קאָרשט אין וועג אַריין,
רב חיים...״
איך מעסט אים אָפּ
מיט שטעכיק־בייזע בליקן:
איך וועל, פֿאַרשטייט זיך,
רופֿן דיך ניט שיקן...
איך בין געווען אין שלאַכט,
אין טויזנט טויטן,
איז דאַרף איך זיך גאָר
איבעריקס ניט גרייטן...
מיך האָט דער פּלאַס
אויף רעכטס און לינקס
געשניטן,
כ׳האָב ניט געווייכט פֿון דיר,
דיך ניט געמיטן...
געגאַנגען גלייך אויף דיר,
ווען האָסט געקאָסיעט
און רויק טרעף איך היינט
מיין טריבן אָסיען.
טאָ קוק אויף מיר ניט,
ווי אַ שטומער שלייען,
ס׳איז שטענדיק גרייט אין וועג אַריין,
רב חיים...

מינסק 1964